בס"ד

# דמשק אליעזר



יו"ל ע"י וועד להוצאת כתבי ר' **אלכסנדר אליעזר קנאפפלער** שליט"א
בן מוה"ר רבי **יצחק נפתלי קנאפפלער** זצ"ל, אבדק"ק טשילע יצ"ו, ומח"ס "קני המנורה"
ונכד הגה"צ ר' **רפאל אהרן קנאפפלער** זצוק"ל הי"ד, אבדק"ק טיניע, ומח"ס "מנורת אהרן"
גליון בדברי תורה ובהלכה ואגדה, פנינים יקרים לכבוד שבת קודש וכו' ובדברים העומדים ברומו של עולם
• **עש"ק אחרי קדושים, ח' אייר,** כ"ג לעומר - **תש"פ לפ"ק - שנה ז' גליון י"ז (קל"ח)** •

# תוכן הענינים:

**מכתב הערה לגליון "באר הפרשה \ דער פרשה קוואל".**

**בענין עשיית קאווע בשבת ויו"ט** [הערה לקובץ "גינת ורדים" חלק ל"ט].

**מכתב בענין השיעורים הנפלאים בהלכות שבת מדי שבת בשבתו.**

**דעת תורה מהרה"ג ר' יוסף יצחק ראזנפעלד שליט"א,** דומ"ץ במאנסי.

**דרשת הרה"ג הנ"ל, בענין קאראנ"א ווירו"ס. ועוד דרשה, לאחר המאורעות הקשים בעיר מאנסי, ליל עשרה בטבת** (ניטל) **תש"פ לפ"ק**

**דרשת הרה"ג ר' ברוך שלמה קעסלער שליט"א, ראש ישיבת כרם ציון דבאבוב, בענינים הנוגעים בין אדם לחבירו,** יום ג' לסדר טהרה תש"פ לפ"ק

## • מודעה נחוצה •

המערכת מקבלת להדפיס
דרשות גדולי הרבנים, אדמורי"ם,
דיינים, וראשי ישיבות שליט"א,
בענינים העומדים על הפרק

**הערות והארות מתקבלות בחיבה**

❖ **Adress: Rabbi Alexander Knopfler**
**1564- 48 Street • Brooklyn N.Y. 11219**
❖ **Tel: (917) 755-4864 • Fax: (718) 437-3388**
❖ **Email: 7554864@gmail.com**

# הערה לגליון "באר הפרשה / דער פרשה קוואל"

אל מעלת כבוד הרה"ג המפורסם, נואם בחסד עליון, פה מפיק מרגליות, מלהיב לבבות ישראל לאביהם שבשמים, כבוד שם תפארתו

מורינו הגה"צ רבי **אברהם אלימלך בידערמאן** שליט"א

הנה יש לי הזכיה לעבור מדי שבוע ושבוע על קונטרסיו דמר, הן הגליון "באר הפרשה" הנכתב בלשה"ק, והן הגליון "דער פרשה קוואל" הנכתב בשפת אידיש המדוברת. ומלבד זה יש לי הזכיה לחלק הקונטרסים מדי שבוע בשבוע לכ"ה משפחות לערך, ונהנים מזה אנשים נשים וטף.

והנה ראיתי בחוברת לפרשת ויקרא (עמ' מ"ב הערה נ"ה) נדפס בהאי לישנא:

**נה.** כה אמר לי אחד ממכרי אשר שמע מהרה"ק מסוקלען זי"ע אודות 'בין הזמנים', וכי יש לך אדם אשר יחדל מאכילתו במשך חודש ימים... אם כן היאך ניתן להפסיק מלימוד התורה אשר 'היא חיינו ואורך ימינו'... וכל הפורש ממנה כפורש מן החיים...

ועל דרך זה נוסיף ונאמר, שאין שום זמן ומצב בעולם בו יכולים אנו להשתמט מתלמוד תורה, ואם כה נזהרים אנו בבריאות הגוף לשמור על ה'חיים', אזי וודאי שעלינו להתאמץ בלימוד התורה אשר היא 'חיים' לעולם...

ויש לי על זה הערה נפלאה, ששמעתי זה למעלה מחמישים שנה מאת הגה"צ ר' יונה ב"ר ישראל הלוי פארסט זצ"ל ריש מתיבתא דנייטרא, ומח"ס הפלא ופלא דברי יונה עה"ת, [איני יודע אם יש לו להשיג באר"י, והוא מלא וגדוש בהשקפות ורעיונות נפלאים], בהיותי בחור בישיבה הרמה ד'נייטרא, ודיבר דרשה לפני הבחורים בגנות המושג של "בין הזמנים", והשקידה ללימוד התורה, ובתוך הדברים אמר "וואס בין הזמנים, ווי בין הזמנים, ווען בין הזמנים", ובכה בכאב לב עד על שיש בחורים שלאחר שכל הזמן קנו התוה"ק בשלימות ובקנין גמור, ובבוא "בין הזמנים" הם נסוגים אחור, וכשחוזרים לאחר בין הזמנים פנים חדשות באו לכאן, כלים ריקים, והיו צריכים להישאר גם על הימים טובים במקום תורה. ופתח פיו בחכמה ואמר משל למה הדבר דומה, שהיה "אמעריקאנע ראביי", שפעם אחת מצאו "מעמבער" של ה"קאנגערעישאן" שלו איך שאוכל בחנות-טריפה, ושאל ממנו היתכן? והשיב לו, שכעת הוא על "וואקאציע", ואינו "ראביי"... ופנים כזה יש לו ל'בין הזמנים'.

כל זה שמעתי מלפני למעלה מחמשים, ובקוראי בגליון הנ"ל נזכרתי המעשה, והרגשתי חובה לספר לדור אחרון, ולמען הכרת הטוב שהנני נהנה בכל שבוע ושבוע ללמוד בגליונותיו הנחמדים, ולחלקם ולהפיצם בישראל, העליתיו על הכתב לכבוד מעלתו.

ואסיים ואומר עוה"פ ועוה"פ ברכת "יישר כח" גדול, ובברכת הדיוט שתמשיכו הלאה לחמם לבבות ישראל בכל העולם כולו בתורה ויראת שמים, עד שיבא משיח צדקינו במהרה בימינו ונאמר אמן ואמן[א].

הכותב וחותם ביום שלישי שנכפל בו כי טוב לסדר טהרה תש"פ לפ"ק

**אלכסנדר אליעזר בן ברכה קנאפפלער**

בארא פארק ברוקלין ניו יארק

נ.ב. הרבה הערות נשאר בקולמוס, ועוד חזון למועד.

---

[א] הגה"ק בעל ויחי יוסף מפאפא זצ"ל אמר פעם, לבאר מהו הפירוש אצל ברכת החודש "ונאמר אמן", שהכוונה הוא שיהיה לנו הזכיה לילך לביהמ"ד ולומר "אמן".

# בענין עשיית קאווע בשבת ויו"ט

## הערה לקובץ "גינת ורדים" - חלק ל"ט

אל מעלת כבוד מערכת הקובץ הנפלא "גינת ורדים" הע"י

ובראשם ידידי היקר מוה"ר **בנימין בערקאוויטש** שליט"א.

לנכון קיבלתי הקובץ החדש חלק ל"ט, ונהניתי מאוד מכל המאמרים וכל התשובות, והנני להעיר הערה אחת, במה שכתב הרב מענדל עסטרייכער שליט"א בעמ' ר"ו, בזה"ל: "הנה דבר מפורסם הוא בין כותלי ביהמ"ד, לענין עשיית קאווע בשבת, דכששופכין החמין על גבי אבקת הקאווע, איכא חשש של "ריסוק שלג" המבואר ס"פ במה טומנין, לפיכך נהגו המדקדקים שלא לשפוך המים על הקאווע, רק להיפוך, להשים הקאווע בתוך המים, כדי שיתמסמסו מאיליהן".

והנה האמת כי חסידים ואנשי מעשה מדקדקים עוד יותר מזה, כי לפני המשנה ברורה יש מקום להחמיר להניח הקאווע והצוקער בכוס בפני עצמו, וכן המים נותנים בכלי בפני עצמו, ומשם שופכים להכוס האחר. והיתרון מזה הוא בשתי דברים, הא' כי עי"ז אין חשש צובע, וגם שהוא רק עירוי מכלי שני, כי ה'קעסל' [הכלי ששם מתבשלים המים] הוא "כלי ראשון", והכוס שאליו שופך המים הוא "כלי שני", ומשם שופך לכלי השלישי שמונח בו הקאווע והצוקער, נמצא שהוא רק "עירוי מכלי שני", ועי"ז לא זו בלבד שאין בו משום בישול, אלא גם משום צובע יש לומר דאין חשש כמובא הפוסקים שאם מניחין מקודם הסענ"ס ואח"כ שופכין החמין לא מיקרי צביעה, [אמנם הגה"צ מצעהלים זצ"ל בשו"ת מגדלות מרקחים (או"ח סימן ל"ט) עושה גם מזה חשש, יע"ש בדבריו באורך].

### אלכסנדר אליעזר קנאפפלער

נ.ב. וכבר כתבתי במקום אחר שהכרתי "ערליכע אידן" מדור הקודם שהכינו הכל קודם שבת (דהיינו שעירבו החלב והצוקער והקאווע יחד עם מים חמין, והשימו הכל בווארעם פלאש, וכך היה הכל מוכן לשתיה), ובזה יוצאים ידי כל הדיעות (ובדרך צחות כמו שאומרים בשפת ענגליש "איט מעיק סענס טו מעיק סענס"). חבל על דאבדין ולא משתכחין, יהודים קדושים מדור הקודם, שנזהרו לצאת ידי כל הדיעות בכל דבר ודבר.

בס"ד, חודש ניסן שנת תש"פ לפ"ק

## <u>דעת תורה</u>

לכבוד אחינו בני ישראל די בכל אתר ואתר הנני בזה לגלות דעתינו דעת תורה שהשתמשות בכלי הנקרא סמארטפאו"ן בלע"ז הוא אסור עפ"י הלכה אפילו לצורך פרנסה, ואין שום היתר להשתמש בו בין אנשים בין נשים אפילו עם פילטע"ר לשום מין השתמשות, וכלי זה אסור להיות ברשות ישראל בשום אופן ולא מהני לזה שום אמתלאות ותירוצים.

השי"ת יעזור שבזכות הנזירות מלהשתמש בו נזכה לגאולה מן הצרות ולביאת משיח צדקינו במהרה.

**יוסף יצחק ראזנפעלד**

דומ"ץ במאנסי

**אלכסנדר אליעזר קנאפפלער**

בלאאמ״ו הגה״צ מוהר״ר יצחק נפתלי קנאפפלער זצוק״ל
אבדק״ק טשילע יצ״ו, ומח״ס קני המנורה
ונכד מוהר״ר רפאל אהרן קנאפפלער זצוק״ל
אבדק״ק טיניע יצ״ו, ומח״ס מנורת אהרן
ולמעלה בקודש עד רבינו הרמ״א ועוד, זי״ע ועכי״א

**ALEXANDER KNOPFLER**
1564 - 48 STREET
BROOKLYN N.Y. 11219
TEL: (917) 755-4864
FAX: (718) 437-3388

# בענין השיעורים הנפלאים בהלכות שבת מדי שבת בשבתו

לכבוד ידידי היקר בלב ונפש, מורי ורבי, הרב הגאון המפורסם על פני תבל בשיעוריו וחיבוריו היקרים, ה״ה

רבינו הרה״ג ר׳ **בנציון הכהן שטראססער** שליט״א

אב״ד נייטרא ב״פ, ומח״ס הנפלאים ״שבת בשבתו״ עשרה חלקים, ושאר ספרים

אחרי הושטת שרביט השלום בכבוד הראוי! אקוה כי החיים והבריאות אצלו בשלום.

הנני להודיע למעכתה״ר שליט״א, כי בשבועות האחרונים, בעת ששורר המצב הקשה בעולם במחלת ה״כבוד–19״, הנני מקבל הרבה פניות מהרבה אנשים עם הצעות ודיעות שונות איך להמשיך בלימוד הלכות שבת ע״י הגה״צ הרב שליט״א, ואני מסביר לכולם כי אני הקטן אינני מתערב ואינני אומר שום דיעות להרב שליט״א איך להגיד שיעורים ומתי להגיד שיעורים, וכל ההחלטות בזה שייכים אך ורק להרב שליט״א, והנני רק כתנא דמסייע להרב שליט״א להפצת השיעורים, הן בעת הגדת השיעור בבית מדרשינו, והן בכל רחבי תבל ע״י פעקס ואימעיל.

אך לעת כזאת, שהמצב נמשך זה זמן רב, ואין יודע מתי ימשיכו תמידין כסדרן, עלה בלבי אולי בכל זאת ראוי עכ״פ להמשיך במשלוח השיעורים דרך הפאקס והאימעיל, ובפרט כעת שהרבה אנשים יושבים בעוה״ר בבית בדוד ומסוגר, ומחפשים דברים לעסוק בהם, בוודאי היו יכולים לקרב הרבה יותר אנשים ללמוד תורה בלימוד הלכות שבת.

ובכן היות שהנני בטוח שמעכתה״ר שליט״א כבר רשם וכתב הרבה ענינים בהלכות שבת כדרכו בכל עת, א״כ אולי לראוי להמציא השיעורים בכתב ליד ידידינו הרה״ח ר׳ בנימין בערקאוויטש שליט״א, בכדי להפיצו בכל העולם שממתינים על השיעורים מדי שבוע בשבוע, ויתרבו הלומדים, ובזכות הלימוד והשיעורים בהלכות שבת, נזכה להינצל מכל צער ונזק ומכל צרה וצוקה, ויקויים במהרה מאמר חז״ל במס׳ שבת (דף קיח:) ״אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחי אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלים״ מכל הצרות, בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן ואמן.

הכ״ד ידידו ותלמידו הנאמן

**אלכסנדר אליעזר** בן ברכה **קנאפפלער**

יום ה׳ לסדר טהרה, ערב ר״ח אייר תש״פ לפ״ק

בס"ד

# בית המדרש תורת חמ"ד נייטרא

**1462-50 st.**

---

# מודעה משמחת

**הננו להודיע שאי"ה בכל יום א' יתקיים בעזהשי"ת**

## "שיעור הלכה"

## ע"י הרה"ג אב"ד דקהילתינו שליט"א

**בשעה 5:00 בדיוק** [לערך חצי שעה]

## בענינים העומדים על הפרק

**ביום א' אח"ק - ילמדו דיני "ברכת הגומל" לאותן שנתרפאו בעזרת ה'**

**וכן בכל "ליל ששי" יתקיים בעזהשי"ת שיעור בפרשת השבוע**

## דרוש ואגדה - במשנתו של מרן החתם סופר זי"ע

**בשעה 9:15 בדיוק** [לערך חצי שעה]

**על ה"לייוו קאנפערענץ" טעלעפאון ליין*:**

**712-832-8700 • פין: 010-580#**

* יצויין כי לפעמים הליינ'ס נעשים טרודים (איבערגעפילט), ואז יש להמתין מינוט ולנסות להתקשר עוה"פ

## שמעו ותחי נפשכם

**נ.ב. ליתר פרטים, או לקבל "רעקארדינג" מהשיעורים דרך האימעיל: 347-526-0116.**

**להשיג קונטרסים מהשיעורים בהלכות שבת, נא לפנות: 7554864@gmail.com**

# דרשת הרב יוסף יצחק ראזנפעלד שליט"א

## חבר הביד"צ "שבט הלוי" - מאנסי ניו יארק

## ומח"ס "הפרשת חלה", "הדלקת הנר", ועוד כמה ספרים חשובים

# בענין קאראנ"א ווירו"ס

בס"ד, ר"ח ניסן תש"פ

## לכבוד אחינו בני ישראל בכל מקומות מושבותיהם:

יעדער איינער האלט מיט יעצט די עפידעמיע וואס גייט פאר אין די גאנצע וועלט.

אונז זענען מיר אידן מאמינים בני מאמינים. מיר גלייבן אז אלעס וואס פאסירט קומט פון אייבערשטן וואס האט באשאפן די וועלט און וואס פירט די וועלט, פאר א געוויסע סיבה.

דער אייבערשטער וויל אונז אויפוועקן אזוי ווי די גמ' זאגט אויף דעם פסוק "והאלקים עשה שייראו מלפניו": לא נבראו רעמים - דער אייבערשטער האט נישט באשאפן דינערן, אלא לפשט עקמימיות שבלב - כדי דער מענטש זאל זיך פארבעסערן, אויסצוגראדן די קרומקייט פון זיין הארץ.

אין ספר הקדוש מאור עינים פ' יתרו ברענגט ער פון בעש"ט הקדוש אז דער אייבערשטער וויל אז די אידן זאלן מורא האבן פון איהם און טוהן זיין רצון. ווער עס האט שכל פארשטייט אליין אז מען דארף מורא האבן פון אייבערשטן ווייל ער איז גרויס און ער האט באשאפן און פירט אלע וועלטן און אויב ער וועט אוועקנעמען זיין חיות ח"ו אפילו אויף א סעקונדע וועלן אלע וועלטן בטל ווערן. וועגן דעם ציטערט ער, נישט עובר צו זיין אויף דעם אייבערשטנ'ס באפעל. אבער די וואס האבן נישט קיין שכל אליין מורא צו האבן פון אייבערשטן, שיקט דער אייבערשטער א געוויסע זאך כדי דער מענטש זאל זיך דערשרעקן דערפון מיט זיין קליינעם שכל, למשל ווען ער הערט א דינער.

און די כוונה פון אייבערשטן איז אז פון די יראה און פחד זאל ער אנקומען צו האבן פחד פון השי"ת, דורך טראכטן, די דינער איז דאך איינע פון די גבורות פון אייבערשטן, און אז איך האב מורא פון דעם דינער, ווי אזוי זאל איך נישט מורא האבן פון אייבערשטן אליין.

אזוי אויך איז פון אנדערע יראות און פחדים. למשל דער מענטש האט מורא פון די הערשאפט, אדער עס זאל נישט ח"ו עפעס פאסירן מיט איהם. וויל דער אייבערשטער, אז פון דעם זאל ער צוקומען צו די ריכטיגע יראה פון אייבערשטן.

אין חובת הלבבות שרייבט ער בשם החכם וואס האט געזאגט "בוש אני לירא מזולתו" – איך שעם מיך מורא צו האבן פון א אנדערע זאך חוץ דעם אייבערשטן.

איך האב לעצטנס געליינט א מעשה. ס'איז געווען איינער וואס האט געוואלט ווערן א בעל תשובה. עס איז געווען פאר ר"ה האט מען איהם געזאגט אז ר"ה זאל ער גיין דאווענען אין שול. איז ער געגאנגען און ער האט געדאווענט די תפלות פון ר"ה ווי מען זאגט אפאר מאל ובכן תן פחדך.

נאך ר"ה האט ער געזאגט ער גייט מער נישט דאווענען, ווייל א גאנץ יאר האט ער פארשידענע פחדים, ער האט מורא. ער האט מורא איינער זאל נישט אריין קראכן אין זיין קאר, ער האט מורא די פאליס זאל איהם נישט געבן א טיקעט, ער האט מורא ער אדער זיינע קינדער זאלן נישט ווערן קראנק. ער האלט אין איין מורא האבן, יעצט ווען ער וויל ווערן א בעל תשובה הייסט מען איהם דאווענען ובכן תן פחדך, ער וויל פטור ווערן פון זיינע פחדים...

האט מען איהם געזאגט, דו נער, אז דו וועסט האבן פחד פון אייבערשטן וועסטו נישט האבן די אלע אנדערע פחדים.

ממילא איז זיכער אז דער אייבערשטער האט אונז געשיקט די פחדים, מענטשן האלטן אין איין ציטערן זיי אדער זייער משפחה זאלן נישט באקומען די קאראנא ווייראס און דאס מאכט דאס לעבן שווער. מען קען נישט גיין ווי מען וויל, מען מוז זיצן איינגעשפארט אין שטוב. מען ציטערט ווער ווייסט ווי לאנג דאס וועט דויערן וכהנה וכהנה.

דארף מען טראכטן אז דער אייבערשטער האט דאס געשיקט כדי מען זאל זיך מתבונן זיין אז מען דארף מורא האבן פון אייבערשטן אליין און נישט עובר זיין אויף זיין תורה.

מיר האבן נישט היינט קיין נביאים וואס זאלן אונז זאגן פונקטליך פארוואס, פאר וועלכע זינד מען האט אונז געשיקט די גזירה.

אבער ווי אסאך צדיקים ורבנים שיחיו זאגן, און עס פארשטייט זיך אויך אליין, אז דאס קומט בעיקר אלץ די סמארטפאונס וואס איז לעצטנס געווארן צושפרייט ביי אידישע קינדער, ביי מענער און פרויען און לא עלינו ביי בחורים, אפילו וואס לערנען אין ישיבה.

די צושפרייטונג פון די סמארטפאונס איז א עפידעמיע, א רוחניות'דיגע עפידמיע וואס האט זיך צושפרייט צווישן אונז אין אלע לענדער. עס שטעקט אהן איינער דעם אנדערן אויך צו וועלן האבן א סמארטפאון. און עס ברענגט אראפ אידישקייט צו די דיוטא התחתונה וואס איז נאר שייך. עס איז מרחק קינדער פון עלטערן.

מען קען זעהן ליידער ווי אידן זיצן אין זייערע קארס שעות ארוכות בייטאג און ביינאכט און קוקן זיך אהן מיט אלע מיני תועבות שבעולם. מען זעהט אויף די מענטשן וואס נוצן סמארטפאונס אז זיי זענען אפגעקילט פון אידישקייט פון ווארעמקייט לכל דבר שבקדושה. די קאפ ליגט אין אלע מיני שטותים.

ממילא איז קלאר אז דאס וויל מען יעצט פון הימל. אידישע קינדער זאלן זיך אפשיידן פון די סמארטפאונס אפילו לצורך פרנסה.

סקולענער רבי ז״ל האט געזאגט, מענטשן מיינען אז די סמארטפאון ברענגט זיי פרנסה, די פאקט איז פארקערט, עס מאכט נאר קאליע די פרנסה.

דער אייבערשטער ווייזט יעצט – אז פרנסה זיכט איר, עס איז זיכער אז מען קען האבן פרנסה אהן די סמארטפאונס, מען דארף נאר האבן אמונה.

איך האב געקלערט א רמז אויף די סמארטפאונס. מען זאגט ביי ק״ש ״השמרו לכם פן יפתה לבבכם וסרתם ועבדתם אלקים אחרים וחרה אף ד׳ בכם ועצר את השמים ולא יהי׳ מטר והאדמה לא תתן את יבולה ואבדתם מהרה מעל הארץ הטובה אשר ד׳ נותן לכם.״

די ווארט וסרתם איז די אותיות פון סמארט – רומז אויף די סמארטפאון. דער אייבערשטער זאגט, השמרו לכם – היטס אייך אפ, פן יפתה לבבכם – טאמער אייער הארץ וועט איבערגערעדט ווערן צו ניצען א סמארטפאון, דאס וועט ח״ו ברענגען צו ועבדתם אלקים אחרים – אזוי ווי מען זעהט ליידער, מען גייט אראפ פון אידישן וועג, מען קוקט זיך אהן מיט אלע מיני גלויבנס, דענסטמאל וחרה אף ד׳ בכם, וועט דאס ברענגען א חרון אף נגף וקצף, ועצר את השמים ולא יהי׳ מטר, עס וועט נישט זיין קיין פרנסה והאדמה לא תתן את יבולה, יבול לשון פירן, מען וועט נישט קענען פירן פרנסה פון איין לאנד צום אנדערן ואבדתם מהרה מעל הארץ הטובה אשר ד׳ נותן לכם מען וועט נישט קענען גיין אין ביהמ״ד און ישיבות און כוללים אין תלמוד תורה׳ס וואס דאס איז די בעסטע פלאץ.

אשר ע"כ דארף דאס יעדער אריין נעמען אין זיין מח און הארץ: **סמארטפאונס זענען אסור צו ניצען עפ"י הלכה אפילו פאר פרנסה.**

איך זאג עס נישט ווייל איך ווייס נישט ווי עס קומט צוניץ פאר פרנסה. איך ווייס יא.

אבער איך וויל נאכזאגן וואס הר"ר מענדל פוקס שליט"א מו"ץ בעדה החרדית ורב ברמות, קרית שומרי החומות, וואס ער שרייבט אין זיין הסכמה וואס ער האט געגעבן פאר די קונטרס "סורו ואל תגעו" וואס הר"ר ישעי' בנימין האלצער שליט"א פון מאנסי האט ארויסגעגעבן ווי ער איז דארט מברר אז מען טאר נישט ע"פ הלכה ניצען סמארטפאונס אפילו פאר פרנסה.

שרייבט ר' מענדל פוקס שליט"א, מיר ווייסן דאך אז פרנסה האט מען וויפיל עס איז אנגעשריבן אין הימעל ר"ה אויף א גאנץ יאר, אונז דארף מיר נאר טוהן השתדלות. שרייבט ער **וכי יעלה על הדעת שזאת הוא ההשתדלות שרוצה הקב"ה** - קען מען דען אפילו טראכטן אז די סארט השתדלות וויל דער אייבערשטער. **הלא הדבר מביא לידי גיחוך** - דאס טראכטן אזוי ברענגט צו לאכן.

אויך הרב שלום פאללאק שליט"א דיין אין סקווירא שרייבט אין זיין הסכמה אויף דעם קונטרס **"ולענ"ד צריכים כל הרבנים לעמוד על המשמר שגם לצורך פרנסה לא ישתמשו בזה"** – די רבנים דארפן זעהן אז אפילו לצורך פרנסה זאל מען דאס אויך נישט ניצען.

עס איז קלאר אז דאס איז אסור אפילו לצורך פרנסה עפ"י התורה.

די מנהיגי המוסדות וואס לאזן עלטערן האבן סמארטפאונס מיט א תירוץ לצורך פרנסה ווייסען אויך אז עס איז אסור. נאר זיי האבן מורא אז מען וועט נישט פאלגן, דאס איז קלאר.

**ע"כ וויל איך דא מודיע זיין פאר יעדען אז עס איז נישט דא קין שום היתר עפ"י הלכה צו ניצען א סמארטפאון אפילו לצורך פרנסה. די סמארטפאון דארף אויסגעריסן ווערן פון כלל ישראל. א איד דארף זיך שעמען צו האבן א סמארפאון, סיי מענער סיי פרויען.**

איך בין זיכער אז אויב דער עולם וועט אוועקווארפן די סמארטפאונס, און זיך מקבל זיין עס נישט צו ניצען אפילו לצורך פרנסה, וועלן מיר געהאלפן ווערן און דער אייבערשטער וועט אונז אויסלייזן פון די קאראנא ווייררוס שנעל און גיך. וואס דאס האט זיך למעשה אנגעהויבן אין טשיינע וואס דארט מאכט מען אסאך סמארטפאונס, אזוי ווי הר"ר ר' משה מרדכי קארפ שליט"א רב אין מודיעין און מחבר ספרי "הלכות חג בחג" און נאך אסאך ספרים, שרייבט יעצט אין זיין בריוו, אז די ווייררוס האט זיך אנגעפאנגען אין טשיינע וואס דארט מאכט מען די כלים.

בהא נחתינן ובהא סלקינן אז **א סמארטפאון איז אסור עפ"י הלכה אפילו לצורך פרנסה. עס איז נישט דא קיין שום היתר צו ניצען א סמארטפאון לצורך פרנסה אפילו עס האט א פילטער.**

**אויך די אידישע סוחרים זאלן אויפהערן צו פארקויפן סמארטפאונס. לצורך פרנסה איז נישט אלעס מתיר. קיינער וועט נישט גיין ארבעטן אין א קלויסטער לצורך פרנסה.**

**עס האט א גבול וואס מען מעג לצורך פרנסה עס איז דא א רויטע ליניע ביז ווי מען מעג גיין לצורך פרנסה. די סמארטפאון איז שוין אריבער די רויטע ליניע.**

## עס איז אסור עפ"י הלכה צו ניצען א סמארטפאון אפילו לצורך פרנסה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל איינזעהן דעם אמת און זיך אפשאקלן פון די סמארטפאונס אזוי ווי פון חזיר ונבילה. און ער זאל אונז אויסלייזן פון די צרה און מיר זאלן שוין בקרוב זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו במהרה און עס וועט מקויים ווערן וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל טומאותיכם בב"א.

# דרשת התעוררות

## מאת הרב הגאון ר׳ יוסף יצחק ראזענפעלד שליט״א

### ליל עשרה בטבת (ניטל) תש״פ לפ״ק

## אחר המאורעות הקשים בעיר מאנסי ה״י

# תוכן הדרשה:

**אמירת מוסר בניטל • בײם טון השתדלות דארף מען געדענקן אז דער אויבערשטער היט אונז • אז מען פארלאזט זיך אויפן אויבערשטן וועט ער אונז היטן • מרבה זיין בתפלה ותיקון המעשים • די צרות קומען צוליב פריצת גדרי הצניעות • דער מאן און טאטע האט אחריות אויף זיין בני בית • די ריכטיגע לענג פון די קלייד • די לענג פון די ערמל • א קראגן אויף אלע קליידער • א גוטע קבלה - גיין מיט א קראגן • פארשידענע זאכן וואס מען דארף אכטונג געבן • צניעות וואס איז נוגע ביי די סקול באסעס • נישט רעדן ענגליש • חובת הלבבות איז די ריכטיגע געווער.**

## <u>אמירת מוסר בניטל</u>

**א)** ברשות כל הקהל הקודש, יעדער ווייסט אז לעצטנס האט פאסירט דא אין שטאט, נישט איין מעשה, גוים האבן געשעדיגט אידישע קינדער ר״ל, דער אויבערשטער זאל העלפן די אלע זאלן האבן א רפואה שלימה, זאלן זיין געזונט בקרוב, מרדכי בן ברכה, יהוסף בן פערל.

געוועגליך פאנגט מען אָן מיט א דבר תורה, אבער אזויווי עס איז היינט ניטל קען מען דאך נישט זאגן קיין דבר תורה, איך וועל פרובירן ארויסצוברענגען די פליכט וואס אונז דארפן מיר יעצט טוהן על פי התורה אומגעזאגט א דבר תורה.

עס איז באקאנט פון צדיקים ווען עס איז אויסגעקומען ניטל שבת האבן זיי אויך געזאגט שלש סעודות תורה, זיי האבן נישט געזאגט קיין מאמרי חז״ל, נישט געזאגט קיין פסוקים, זיי האבן גערעדט מוסר, געזאגט וואס מען האט צו טוהן.

איינער האט מיר די וואך דערציילט עס איז געווען דער מאטעסדארפער רב ז״ל, ער איז געווען אמאל ביי א שבע ברכות, עס איז אויסגעקומען ניטל, האט ער געזאגט אפאר ווערטער, ער האט אויך אריינגעזאגט דארט א מאמר חז״ל, זאגט ער, איך זאג דאך עס נישט אלץ מצות לימוד התורה, נאר עס זאל שטימען צום ווארט וואס איך וויל ארויסברענגען, מילא איז עס נישט קיין פראבלעם אפילו עס איז ניטל.

אויך רבי אבא חייא טויבער שליט״א האט מיר היינט געזאגט, ער געדענקט עס איז געווען אמאל ניטל שבת, און סקולענער רבי ז״ל פאר׳ן טיש געוועגליך פלעגט ער לערנען חסיד׳ישע ספרים, האט ער גענומען א סידור, זיך אראפגעשטעלט ביי א שטענדער, אויפגעמישט ביי די אני מאמין׳ס, און אזוי איז ער געשטאנען דארט, צוויי שעה איז ער געשטאנען אין איין צי און איבערגע׳חזר׳ט די אני מאמין׳ס, מוסר איז נישט קיין פראבלעם, מחזק זיין די אמונה.

## <u>בײם טוהן השתדלות דארף מען געדענקען אז דער אויבערשטער היט אונז</u>

**ב)** עס איז למעשה דא מענטשן וואס הערן די אלע טראגעדיעס וואס געשעהן, מען ווערט פארלוירן, מען פאנגט אָן צו זוכן עצות וואס צו טוהן זיך צו קענען באשיצן, עס זאל זיי נישט געשעהן וואס עס האט פאסירט צו

אנדערע, מען פאנגט אָן ארויפצולייגן eyes, נאך פארשידענע זאכן. א יונגערמאן רופט מיר פאריגע וואך, ער פרעגט מיך צו א איד מעג שבת טראגן א געווער (gun) דער עולם איז אזוי צומישט און צוחושט, מען ווייסט נישט אליין וואס צו טוהן, מען מיינט מיט די אלע זאכן אז דאס איז די עצה וואס מען דארף יעצט טוהן.

מיר זענען אידישע קינדער, דעם אויבערשטנ'ס פאלק, אונז דארפן וויסן, נישט דאס פארלאנגט מען פון הימל יעצט, עס איז זייער א גוטע זאך, מען מעג טוהן השתדלות, דער אויבערשטער האט מתיר געווען צו טוהן השתדלות ווייל דער אויבערשטער וויל די וועלט זאל זיך פירן בדרך הטבע, בדרך הטבע קוקט אויס ווי די השתדלות העלפט, און דאס איז טאקע דער נסיון פונעם מענטש, זעהן צו ער וועט זיך פארלאזן אז די השתדלות העלפט אים, צו ער וועט וויסן, ניין, דער אויבערשטער העלפט אים.

עס איז דא א רמב"ן, דער רמב"ן זאגט, עס זענען דא צוויי מענטשן וואס טוהן די זעלבע זאך, פאר זיי גיין שלאפן שפארן זיי צו די טיר, איין מענטש טראכט איך שפאר צו די טיר, יעצט קען איך שלאפן רואיג, קיינער וועט נישט אריינקומען, דער אנדערער מענטש טראכט, ניין, איך פארלאז מיך אויפן אויבערשטן, דער אויבערשטער דארף מיר היטן, אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר, נאר וואס דען? דעם אויבערשטנ'ס רצון איז דער מענטש זאל טוהן השתדלות, מילא טוה איך השתדלות און פארשפאר די טיר. זאגט דער רמב"ן, דער מענטש וועט נאך באקומען שכר פאר די אמונה וואס ער גלייבט, חוץ וואס ער וועט געהיטן ווערן ווייל ער פארלאזט זיך אויפן אויבערשטן, וועט ער נאך באקומען שכר.

## אז מען פארלאזט זיך אויפן אויבערשטן וועט ער אונז היטן

**ג)** דאס דארף א מענטש וויסן, פון הימל האט מען געשיקט די טראגעדיעס, מיר האבן פריער געהערט פון רמב"ם עס איז נישט דא אזא זאך א מקרה, דער גוי איז נישט געקומען ווייל ער האט גע'חלומ'ט ער דארף היינט קומען, דאס האט מען פון הימל אזוי צוגעפירט, דאס איז קלאר, דער אויבערשטער שיקט עס אויפצואוועקן די מענטשן זאלן תשובה טוהן, מתקן זיין די מעשים, מרבה זיין בתורה ותפלה ותיקון המדות, דאס איז יעצט אונזער פליכט וואס אונז דארפן מיר טוהן, נישט זיין פארנומען מיט די eyes, מיט די פאליציי, מיט די אלע געווער (guns), מיט די אלע זאכן.

ווען מען זעהט א פאליציאנט שטיין ביי די טיר פון א בית מדרש, זאל מען נישט זיך פרייען, א מחיה, דער פאליציאנט גייט מיר היטן, מען קומט אין בית מדרש מען זעהט א פאליציאנט דארף מען מתפלל זיין, רבש"ע, היט אונז אפ, דער פאליציאנט איז דא ווייל דו ווילסט מיר זאלן טוהן השתדלות, אונז טוהן השתדלות, אבער נישט דעס גייט אונז היטן, אונז ווילן דו זאלסט אונז היטן, דאס דארף א איד אלעמאל טראכטן.

מען זאגט אז די רעגירונג פאנגט יעצט אָן צו זוכן עצות, וואס קען מען טוהן עצות נאך צו היטן דעם עולם. איך ווייס נישט וואס נאך זיי גייט איינפאלן, זאל מען אלץ וויסן, נישט זיי היטן מיר, נישט די עצות היטן מיר, דער אויבערשטער היט מיך, איך דארף מתפלל זיין איך פארלאז מיך אויפן אויבערשטן, די אלע זאכן זענען נאר השתדלות.

מען האט יעצט געזאגט חנוכה זיבן מאל ויהי נועם יעדע נאכט, וואס איז דער גאנצער ויהי נועם, לא תירא מפחד לילה מחץ יעוף יומם באברתו יסך לך, אלעס אז דער אויבערשטער גייט דיר היטן פארוואס? כי בי חשק ואפלטהו - פארלאזט זיך אויף מיר, וועל איך דיך היטן, אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי, פארלאז דיך נישט אויף קיין שום השתדלות, קיין שום מעשה בני אדם, ווייל דאס איז גארנישט מיט גארנישט, דאס איז נאר כדי צו טוהן דעם רצון הבורא וואס ער וויל מען זאל טוהן השתדלות.

## מרבה זיין בתפלה ותיקון המעשים

**ד)** עס פאנגט זיך יעצט אָן ליידער, דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל נישט זיין אמת, די אנטיסעמעטיזם ווערט מער און מער, אזויווי מען הערט יעדן טאג. דאס איז אויך א דאנק די אינטערנעט, נאך א זאך וואס האט געברענגט אויף אונז א קללה, וואס די אינטערנעט איז מפיץ דארטן די אנטיסעמעטיזם, יעצט פאנגט זיך אָן אין גרויסן די זאכן, דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל זיך אפשטעלן ווי פריער, אבער מען דארף זיין גרייט, נישט זיי היטן מיר, דער אויבערשטער פירט אלעס, איך דארף יעדן טאג מתפלל זיין.

היינט האט מיך גערופן א גרויסער פוסק פון מאנסי, ער האט מיר געזאגט איך זאל איבערזאגן פאר׳ן עולם, עס איז געווען זיין זיידע דער תורת יקותיאל פון דעירעש ז״ל, ווען דער ימח שמו׳ניק - דער היטלער איז ארויף אויפן בענקל, איז נישט דורך א טאג וואס ער האט נישט אויסגעזאגט תהלים אז עס זאל אים נישט שאטן, ער זאל נישט טוהן קיין שלעכטס פאר אים. למעשה, איז ער געראטעוועט געווארן מיט צען קינדער נאך די קריג. דאס איז אונזער ארבעט, תהלים, מתפלל זיין, פארעכטן די מעשים, זיך אויפפירן ווי מען דארף, נישט רעדן וואס מען דארף נישט, דעמאלט וועט דער אויבערשטער אונז היטן.

## די צרות קומען צוליב פריצת גדרי הצניעות

**ה)** למעשה וויאזוי קומט מען דערצו, וואספארא זאך אבער זאל איך זיך יעצט נעמען? אונז ווייסן נישט, איך ווייס עס שטייט, ביים חפץ חיים איז אויך געווען טראגעדיעס, און ער האט דעמאלט געזאגט, אונז האבן מיר נישט היינט קיין נביאים, אונז ווייסן מיר נישט וואס דער אויבערשטער וויל פונקטליך, פארוואס מען האט געשיקט די זאך, אבער איין זאך ווייסט ער אז עס איז דא א פסוק חומש אין פרשת כי תצא ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, טאמער ח״ו מען פירט זיך נישט בצניעות, דעמאלט קומט ח״ו נישט גוטע זאכן, מילא האט ער מעורר געווען וועגן צניעות, עס איז געווען נישט איינמאל, עס איז געווען מער ווי איין מאל, ער האט געהאלטן דאס דארפן אונז טוהן, דאס איז אונזער פליכט.

במילא, אויב דאס איז אונזער פליכט, האב איך געטראכט צו רעדן אביסל פון דעם ענין.

אונז האבן מיר יעצט געזאגט, אונזער געווער איז תורה, די געווער פון א פרוי איז צניעות, אז זי פירט זיך בצניעות היט איר דער אויבערשטער, א פרוי גייט אויף דער גאס צניעות׳דיג ברענגט זי קדושה אויף דער גאס, עס ברענגט דער אויבערשטער זאל אונז היטן. ח״ו פארקערט, איז אזויווי זי האט א געווער (gun) און שיסט מענטשן, אז א פרוי גייט אויף דער גאס נישט צניעות׳דיג, צו איז דאס די שייטל, צו איז דאס די קלייד, וואס עס זאל נישט זיין, און זי איז מכשיל מענער, איז מיט דעם איז אזויווי זי האט א געווער (gun) און זי שיסט די אלע מענער, יעדער איינער וואס ווערט נכשל ח״ו וועט דאך נענש ווערן פאר יעדע ראיה, יעדע הרהור, ווער איז שולדיג? די פרוי וואס גייט נישט צניעות׳דיג, במילא מען דארף זיך נעמען אביסל מתקן זיין דעם ענין פון צניעות. עס איז לעצטנס געווארן שטארק נאכגעלאזט, אזוי ווי מען טוט עצות אז דער גוי זאל נישט שעדיגן, דארף מען אויך טוהן עצות אז די נישט צניעות׳דיגע פרוי זאל נישט שעדיגן, גדול המחטיאו יותר מן ההורגו.

## דער מאן און טאטע האט אחריות אויף זיין בני בית

**ו)** קודם וויל איך אויכעט זאגן אס עס איז דא מענער וואס מיינען, גייט מיך אָן וויאזוי מיין ווייב גייט אנגעטוהן? וואס האב איך מיט איר? זאל זי גיין וויאזוי זי וויל, עס האט נישט מיט מיר, עס האט מיט איר, זי דארף גיין צניעות׳דיג, עס האט נישט מיט מיר.

עס איז א פאלשע זאך, עס איז נישט אמת, די אחריות ליגט אויפן מאן, א פרוי וואס גייט נישט אנגעטוהן צניעות'דיג, וועט מען מעניש זיין דעם מאן, טעכטער, וועט מען מעניש זיין דעם טאטן, ווייל עס איז זיין אחריות, ער מוז האלטן אַן אויג זעהן וויאזוי זיי גייען אנגעטוהן, עס איז נישט קיין תירוץ עס גייט מיך נישט אָן וואס זיי טוהן.

## די ריכטיגע לענג פון די קלייד

**ז)** איך וועל רעדן פון איין זאך קודם, ווער עס לערנט אביסל הלכות פון צניעות וואס מען דארף לערנען, אדער הערט אמאל שיעורים, הערט מען ווי רבנים זאגן די קלייד דארף זיין פיר אינטשעס נאך די קני, וויל איך דא מודיע זיין אז די פיר אינטשעס נאך די קני דאס איז במקום הדחק גדול, עס איז מינימום שבמינימום, דאס הייסט, וויניגער ווי דעם טאר עס זיכער נישט זיין, ווייל די קני טאר נישט ווערן אויפגעדעקט אפילו מען האט אָן שטרימפ, האט מען געזאגט פיר אינטשעס, דעמאלט קען שוין זיין אז עס וועט געלונגען עס וועט זיך נישט אויפדעקן, אבער עס איז נישט ריכטיג, רוב מאל העלפט דאס נישט, עס ווענדט זיך זייער אסאך וואספארא מין סחורה די קלייד איז, צו עס ציט זיך, עס ווענדט זיך ווי ברייט עס איז, ווי שמאל עס איז, עס ווענדט זיך אין די באוועגונג פון איר, גייט ארויף שטיגן, אראפ שטיגן, ארויס פון א קאר אריין אין א קאר, פיר אינטשעס איז א מינימום שבמינימום במקום הדחק גדול, א קלייד וואס מען דארף ציהען ווען מען זיצט כדי עס זאל צודעקן די קני, אזא קלייד טאר מען בכלל נישט אנטוהן.

די אויסגעהאלטנסטע שיעור איז א די דיקע פלייש אונטער די קני זאל אויכעט זיין צוגעדעקט מיט די קלייד. עס איז דא זייער אסאך פוסקים וואס האלטן דאס איז א הלכה, דעברעצינער רב ז"ל (שו"ת באר משה ח"ד סי' קמ"ז אות ל"א) שרייבט אפילו די שוואכערע פרויען, די מאדערנע פלעגן אזוי מקפיד זיין צו גיין אינדערהיים.

איך האב געזעהן ברענגען בשם בעלזער רב רבי ישכר דוב ז"ל אז דאס איז דער שיעור הלכה'דיג. עס איז ארויסגעקומען אפאר יאר צוריק אין ארץ ישראל קול קורא'ס פון בעל שבט הלוי, רבי נסים קרליץ, אלע גדולים כמעט, זיי שרייבן קלאר, די בשר התפוח מוז זיין צוגעדעקט מיט די קלייד, ווייל אזויווי יעדער איינער ווייסט אז ביי די גאנצע קערפער טאר נישט זיין בולט די צורת הגוף, די זעלבע זאך איז ביי די פיס, ביי די פיס אונטן טאר אויך נישט זיין בולט די בשר התפוח, און זיי האלטן אז דאס איז א הלכה.

כדי דאס זאל טאקע זיין צוגעדעקט, געווענליך דארף עס זיין זעקס אינטשעס נאך די קני. זייער אסאך מוסדות און קהלות אין ארץ ישראל און אויך דא אין אמעריקא, סקווירא האב איך געזעהן אין זייערע תקנות שרייבן אז א קלייד מוז זיין זעקס אינטשעס נאך די קני. איינע וואס איז שווער, קען זיין אביסל וויניגער, אבער פיר, דאס איז מינימום שבמינימום, וויניגער ווי דעם איז נישט דא וואס צו רעדן, מען זאל זעהן ווי מער מען קען, עכ"פ זעקס דאס איז דער ריכטיגער שיעור, אסאך געבן א סימן אז דאס איז האלב פון די שיעור פון די פיס פון צווישן די קני און די קנעכל, דארט קומט אויס ענדיגט זיך די בשר התפוח. דאס האב איך געוואלט מודיע זיין, מענטשן רעדן זיך איין פיר אינטשעס, היינט איז דא מעסטערס, מען מעסט פיר אינטשעס, עס איז גארנישט, פיר אינטשעס איז במקום הדחק גדול.

הרה"ג ר' שלמה זלמן אויערבאך ז"ל שרייבט אין זיין ספר מנחת שלמה, אז א פרוי וואס א משהו פון איר קני איז נישט באדעקט מיט א קלייד, איז זי א עוברת על דת יהודית, און דער מאן איז בארעכטיגט איר צו געבן א גט אהן א כתובה.

אזוי שרייבט אויך די בד"צ פון ירושלים, אין א קול קורא שנת תש"ל אז זי איז א עוברת על דת יהודית.

## די לענג פון די ערמל

**ח)** נאך א זאך איז וועגן די ערמל, איך ווייס נישט צו אלע מענטשן דא ווייסן, ביי אונז, ביי חסיד'ישע שטובער האט מען אלץ געוואוסט אז די ערמל מוז אנקומען ביז די פלאך פון די הענט, ביז די עק פון די ארעם. פארוואס האט

מען ביי חסיד'ישע אידן אזוי מקפיד געווען? נישט אלץ חומרא, נאר עס איז דא פוסקים וואס האלטן הלכה'דיג דארף אזוי זיין, אזויווי איך האב פריער געזאגט ביי די בשר התפוח, וועגן דעם האט מען אנגענומען אז ווען מען גייט אויף די גאס איז צוגעדעקט ביז די פלאך פון די הענט.

א פרוי וואס טוט שטוב ארבעט, זי וואשט געשיר, זי וויל נישט עס זאל נאס ווערן די ערמל, דעמאלט איז מען אביסל מיקל, מען רוקט אביסל ארויף, אפילו דעמאלט איז דא וואס האבן א ספעציעלע שטיקל סחורה וואס זיי לייגן דארטן, און עס איז דא אפילו וואס זענען מער מחמיר אז טאמער זיצן זיי וואו די פרוי וואשט געשיר און איר ערמל איז אביסל ארויפגערוקט מאכן זיי נישט קיין ברכה.

אבער דאס האט מען אלץ מחמיר געווען ביי אונז חסיד'ישע אידן אז די ערמל מוז אנקומען ביז די פלאך פון די הענט, און ווער עס זאגט וויניגער איז פשוט מיקל.

## א קראָגן אויף אלע קליידער

**ט)** אויך די קראגן, די האלדז דארף זיין אביסל צוגעדעקט, אזוי האט מען געוואוסט אלעמאל, ווען איך בין געווען א יונגל, מיין מאמע, אויך אנדערע פרויען, זענען אלע געגאנגען מיט א קראגן, עס איז נישט געווען אזא זאך א קלייד אָן א קראגן, עס איז געווען אַן אפגעפרעגטע זאך, עס איז נישט געווען במציאות אזא זאך ביי אונז.

לעצטנס האט זיך פארשפרייט מען האט אנגעהויבן צו גיין מיט קליידער אָן קרעגענער. איז אויכעט דא א תשובה אין שבט הלוי אויף צוויי פלעצער, זאגט ער אויך פארוואס מען האט מקפיד געווען צו גיין מיט א קראגן, ווייל עס איז דא א שיטת רבינו יונה וואס האלט אז די האלדז איז אויך א מקום ערוה, עס ווערט אויך אויסגערעכנט אין שיר השירים דארט צוזאמען בחרוזים, אנדערע האלטן אז עס איז נישט קיין ערוה, במילא האט מען מחמיר געווען אביסל פון די האלדז זאל זיין צוגעדעקט במילא האט מען א קראגן, אזוי איז מען אלץ געגאנגען.

עס איז דא נאך סיבות וואס אונז זעהן מיט די אויגן, מען פאפט זיך אליין אז מען זאגט אז עס איז נישט אזוי, אז אויב מען גייט א קלייד וואס האט נישט א קראגן, ווי נישט ווי, זעהט זיך ארויס מער אראפציער פון די האלדז, און אראפציער פון די ביין וואו עס טאר זיך נישט ארויסזעהן, מען טאר נישט מאכן קיין ברכה דעמאלט, מען טאר נישט מאכן קיין קידוש אויף אזא אופן. און אוודאי טאר מען נישט אויפמאכן די ערשטע קנעפל, מען זעהט וואס מען דארף נישט זעהן.

## א גוטע קבלה – גיין מיט א קראָגן

**י)** איך וואלט אנגעטראגן, אזויווי עס איז יעצט געשעהן דא טראגעדיעס, און מען פארלאנגט פון הימל זיך צו פארבעסערן אין צניעות, אין הימל האט מען אויך הנאה אז א מענטש נעמט א קבלה אויף זיך, וואלט איך אנגעטראגן יעדער איינער זאל זיך מקבל זיין אז פון היינט און ווייטער גייט מען נישט אנטוהן א קלייד וואס האט נישט קיין קראגן, איך האלט אז אין הימל וועט מען זייער הנאה האבן פון דעם, עס וועט זיכער שיצן, עס וועט זיכער צוהעלפן מען זאל נישט הערן אזויפיל וואס מען האט געהערט.

און מען דארף אויך אנזאגן די אלע פארקויפערינס, די געשעפטן, אז זיי זענען עתיד ליתן את הדין, זיי זענען מכשיל מיט דעם וואס זיי רעדן איין פרויען, יא, דעס איז שיין, דעס איז גוט, טוה עס אָן, קויף עס, עס וועט זיין זייער אחריות, זיי זאלן זיך נישט איינרעדן זיי מאכן מער געלט פון דעם, ווייל אין אדם שומע לי ומפסיד, פון טוהן זאכן וואס מען טאר נישט, מאכט מען נישט קיין געלט.

איך האב געזעהן ברענגען פון סאטמארער רב ז"ל בעל דברי יואל, ער האט געזאגט אמאל: 'קורץ און שארף' - אז מען גייט קורץ אנגעטוהן ח"ו, ברענגט דאס א שארפע שווערד. סקולענער רבי פלעגט אויך נאכזאגן פון זיין טאטן ז"ל,

אסאך מאל פלעג ער עס זאגן ביי זיינע דרשות וועגן צניעות: לאנגע קליידער ברענגט לאנגע יארן, לאנגע ערמל - לאנגע יארן, און ח"ו פארקערט. אזוי פלעג ער אלץ זאגן. סקולענער רבי פלעג אויכעט זאגן פארוואס הייסט עס 'גדרי הצניעות', ווייל דאס איז א גדר קעגן די צרות. ער פלעג אויכעט זאגן איינער וואס גייט געפאסטע קליידער, פאסט זיך צו די צרות צו זיך. קען מען דאך שוין עפעס פארשטיין וואס עס גייט פאר דא.

א גרויס חלק פון זיך אנטון נישט צניעות'דיג נעמט זיך פון די אינטערנע"ט, מען קוקט זיך אהן דארט מיט פריצות, נאך דעם וויל מען אליין גיין אזוי, צו דער מאן וויל, צו די פרוי וויל.

## פארשידענע זאכן וואס מען דארף אכטונג געבן

**יא)** שמירן די פנים, די אויגן איז דאך הלכה'דיג אז מען טאר נישט שמירן, די פנים דארף מען וויסן נישט טוהן זאכן וואס איז אסור. אויך די שייטלען דארף מען זעהן זאל נישט זיין לענגער ווי די אקסל. די זעלבע זאך האר ביי מיידלעך טאר נישט זיין לענגער, עס איז נישט דא קיין שום היתר עס זאל זיין לענגער, אפילו מען גייט אויף חתונות עס איז נישט דא קיין שום היתר ביי א חתונה עס זאל זיין אנדערש ווי סתם אזוי, מען טאר נישט גיין מיט לאנגע האר דעמאלט אויך נישט, מען דארף זיך שטארק שטעלן דערויף.

אויפפאלנדע שייטלען זאל מען נישט גיין, שייטלען וואס זעהן אויס ווי די אייגענע האר טאר מען נישט גיין. סקולענער רבי האט אמאל געזאגט אז א פרוי וואס גייט מיט א שייטל וואס זעהט אויס ווי אייגענע האר, איז מען אין הימל איר דן אזויווי זי גייט ממש מיט אייגענע האר, ווער וויל זיך ארײנלייגן אין א זאך.

אויך די שיך דארף מען זעהן עס זאל נישט זיין אויפפאלנד, לעצטנס קומען ארויס שיך, פארנט א שטיקל זילבער, אונטן א שטיקל גאלד, עס שיינט, עס שרייט, עס האקט, עס איז א פסוק אין ישעי' וואס ישעי' הנביא רעכנט אויס דארט איינע פון די זאכן וואס האבן געברענגט דעם חורבן, אז מען איז געגאנגען מיט שיך וואס האבן געקלאפט. איינער האט אזעלכע שיך איז דא אַן עצה מען קען ארויפלייגן אזא גומי, אזא רובער עס זאל נישט קלאפן, און אויב איינער האט געקויפט א שיך וואס איז אויפפאלנד איז דא אַן עצה מען קען עס שמירן עס זאל נישט זיין אזוי.

ב"ה לעצטנס איז א שטיקל תיקון, זייט מען האט זיך גענומען שרייען אסאך פון צניעות, פרויען קומען אסאך פרעגן רבנים, זיי קויפן א פאר שיך קומען זיי צום רב פרעגן, איך מעג עס קויפן? איך מעג עס אנטוהן? די זעלבע זאך מיט א קלייד קומען זיי פרעגן צו עס איז שרייעדיג צו נישט. עס איז א געוואלדיגער תיקון, הלוואי זאל יעדער איינער וויסן אז אזוי דארף מען טוהן, אזויווי מען דארף בודק זיין א קלייד פון שעטנז דארף מען בודק זיין בענין צניעות.

## צניעות וואס איז נוגע ביי די סקול באסעס

**יב)** איך וויל אויך זאגן נאך א זאך וואס איז לעצטנס געשעהן דא אין שטאט, א קינד וואס איז אונטערגעפאלן אונטער א באס און ב"ה עס איז געראטעוועט געווארן, מיר ווייסן וואס די גמרא זאגט, די גמרא ברענגט אסאך אזעלכע מעשיות, א מענטש איז געווען אין א סכנה ער איז געראטעוועט געווארן, האבן די חברים אים געפרעגט וויאזוי ביסטו געראטעוועט געווארן? שמא דבר עבירה בא לידך ונצלת הימנה? האט ער געזאגט יא, זעהן מיר פון דעם ווען א מענטש האט א נסיון, ער איז זיך גובר אויף דעם נסיון, שמירת עינים צו עפעס אנדערש, העלפט דאס אים אז ער זאל געראטעוועט ווערן אפילו ווען עס קומט עפעס א שלעכטע זאך.

ב"ה עס איז געראטעוועט געווארן, דא ביי די מעשה אין פארשעי איז אויך געווען מער נסים ווי פארקערט ווי יעדע איינער ווייסט, מען וואלט געדארפט נאך אביסל זיך היטן, נאך אביסל שמירת עינים אפשר וואלט גארנישט געווען.

פון יעדע ראי׳ וואס א מענטש זעהט ח״ו ווערט דאך באשאפן א קליפה, שטייט אין אמרי נועם פרשת כי תצא, און די קליפה איז זיך מלבש אין א גוי, און אזוי האט דער גוי כח שלעכטס טוהן פאר אידן.

וויל איך דא מעורר זיין א זאך וואס האט צוטוהן מיט די באסעס. איך מיין אז יעדע סקאהל וואלט געדארפט ארויסגעבן תקנות פאר די באס דרייווערס און פאר די מאמעס, און פאר די באס טיטשערס וויאזוי זיי זאלן זיך אויפפירן בשעת מען ברענגט א קינד צום באס.

זאל די מאמע וויסן אז זי דארף גיין זייער זייער צניעות׳דיג אנגעטוהן, זייער צניעות׳דיג זיך אויפפירן, דער דרייווער איז א מאן, זי זאל נישט גיין נישט קורץ, נישט פאסנד, נישט שרייעדיג, און זיך באנעמען צניעות׳דיג, זי זאל נישט קושן די קינדער בשעת דער מאן זעהט, און אוודאי נישט רעדן מיט אים וואס עס פעלט נישט אויס, און ח״ו זיך נישט רופן ביים נאמען. מען הערט ליידער זייער אסאך באס דרייווערס וואס עס שאדט זיי זייער שטארק, עס שלעפט זיי אראפ, אמאל ברענגט עס שלום בית פראבלעמען, מען האט שוין געהערט מעשיות, דארף מען זייער אויפפאסן אויף דעם.

און אויך די זעלבע זאך איז די באס טיטשערס, איך האלט יעדע סקול דארף ארויסגעבן תקנות פאר די באס טיטשערס, פונקטליך וויאזוי זיי זאלן זיך אויפפירן מיט דעם דרייווער, נישט גריסן, נישט רעדן אנדערע זאכן וואס עס פעלט נישט אויס צו די ארבעט.

און די מאמעס און די באס טיטשערס זאלן נישט אנטוהן א קלייד וואס מען רופט 2 piece, דאס מיינט ווען מען בייגט זיך איין, ווען מען הייבט אויף א קינד צו מען לייגט אראפ, קען זיך די אויבערשטע חלק אויפהייבן, און אפילו מען זעהט נאר די בגדי תחתונים איז עס פונקט ווי מען זעהט דעם גוף אליין, עס האט א דין ווי ערוה, פונקט ווי די קערפער. זאלן זיך נישט אנטוהן אזוי, און אוודאי נישט שמירן, נישט פערפיום זאל שמעקן. אויך אויב מען האלט אינמיטן וואשן געשיר, זאל מען אראפרוקן די ערמל פאר מען גייט ארויס.

עס איז דא זייער אסאך וואס צו זאגן, איך וויל נישט דא מאריך זיין, איך האלט יעדע מוסד דארף אליין מאכן תקנות פאר זיי, אויך זי זאל נישט זינגען מיט די קינדער, נישט זאגן ווערטליך. דאס איז איינס פון די זאכן וואס מען דארף מתקן זיין.

## נישט רעדן ענגליש

**יג)** מען דארף זייער אויף פאסען נישט צו רעדן ענגליש, אפילו א חלק פון די רעדן זאל נישט זיין אויף ענגליש, מען זאל רעדן נאר אידיש.

איך וואלט געזאגט נאך זאכן, אבער אזויווי מען האט מיר נישט געגעבן מער צייט צו רעדן, עס איז דא ב״ה נאך רעדנערס, וועל איך דא ענדיגן.

## חובת הלבבות איז די ריכטיגע געווער

**יד)** איך וועל נאר זאגן אז דער יונגערמאן וואס האט מיך גערופן פרעגן צו מען מעג שבת טראגן א געווער (gun) האב איך אים געזאגט אז איך וואלט אים געראטן ער זאל זיך נעמען לערנען חובת הלבבות שער הבטחון, און דעס וועט אים מער היטן פון די געווער (gun), א געווער (gun) באלאנגט פאר א גוי, על חרבך תחיה, עס איז נישט קיין אידישע זאך, אידן דארפן נישט ארומגיין מיט געווער (guns), אונז דארפן זיך פארלאזן אויפן אויבערשטן אזויווי מיר האבן פריער געזאגט. דער אויבערשטער זאל העלפן אין דעם זכות וואס מען וועט מתקן זיין די אלע זאכן און נאך זאכן וואס מען וועט באלד הערן, לא ישמע עוד שוד ושבר בגבולנו, מען וועט שוין נישט הערן די אלע צרות, עס וועט זיין נאר גוט פאר אונז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו במהרה.

# דרשת הרה"ג ר' ברוך שלמה קעסלער שליט"א

## ראש ישיבה דישיבת כרם ציון דבאבוב

## בן הרה"ג ר' משה קעסלער שליט"א

## מח"ס "מקח טוב" עה"ת, ויו"ר ומנהל כללי דמוסדות באבוב העולמי

# בענינים הנוגעים בין אדם לחבירו

## יום ג' לסדר טהרה תש"פ לפ"ק

ברשות כ"ק רבינו שליט"א, חסידים ואנשי מעשה, פותחין בכבוד האכסני' אכסני' של תורה, מ'זאל זוכה זיין להגדיל תורה ולהאדירה, די טעג וואס מ'שטיי מיר יעצט נאך די הייליגע יו"ט פסח, ס'ווערט געברענגט פון בעלז'ער רב זי"ע, שטייט מה יפו פעמיך בנעלים, ווי שיין איז מ'פארשליסט דעם יו"ט בנעלים דארט ווי ס'איז דא די פעמיך די פעימת לב דאס הארץ קלאפט צי האט מען אדורך געגאנגען דער יו"ט ווי עס דארף צו זיין, ווי עס ווערט געברענגט פון צדיקים אסרו חג 'בעבותים' אז מ'דארף זיך צובינדען צום יו"ט בעבותות האהבה מיט קייטלעך פון אהבה.

מ'זאגט נאך פון די קארלינ'ער צדיקים אז מ'זאל נישט זאגן ווי אזוי איז אדורך די יו"ט. נאר מ'זאל זאגן, ווי אזוי איז דער יו"ט אריינגעגאנגען. ס'איז כידוע אז די טעג זענען מתוקן געווארן אויף תיקון המידות אויף א הכנה אויף קבלת התורה, בין אדם לחבירו, און פאר דעם טאקע לערנט מען אין די טעג פרקי אבות און פאר דעם ציילען מיר אין די טעג מידות חסד, גבורה, תפארת, און ווי די גמרא זאגט אין מס' יבמות סב: אמרו שנים אז די גמרא אז ס'איז געווען שנים עשר אלף זוגים תלמידים היו לו לר' עקיבא, אז ס'איז געווען צוועלעף טויזענט פארן פון תלמידים ד.מ. פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים היו לו לרבי עקיבא וכולן מתו בפרק אחד און זיי אלע זענען נעבעך געשטארבן אין איין צייט, בין פסח לעצרת מפני שלא נהגו כבוד זה בזה וויל זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער פארן צווייטן, און והיה העולם שמם און די וועלט איז געווען וואוסט.

און מ'זעהט אז מיר האמיר נישט קיין השגה ווער די תלמידים פון רבי עקיבא וואס זיי זענען געווען מ'האט געלערנט פיר און צוואנציג יאר ברציפות און זיי זענען געבליבן צוזאמען מיט זייער רבי'ן און אונז האמיר נישט קיין השגה פון זייער גרויסע קדושה און אפילו הכי איז נעבעך געשעהן צוליב דעם וואס זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען זה בזה, און וועגן דעם וועלן מיר אביסל ארום רעדן פון דעם ענין פון בין אדם לחבירו, וואס דאס וועט ברענגען מיט דעם וואס מ'וועט זיך מקבל זיין מידות טובות דאס וועט ברענגען אי"ה רפואות פאר יודישע קינדער אז זיי זאלען אויפגעראכטן ווערן.

מיר וועלן קודם מקדים זיין מיט א קליינע א דבר הלכה, וואס ס'האט א שייכות מיט די ספירה און אויך מיט די ענין פון בין אדם לחבירו, ס'איז באוואוסט אז ס'איז דא א שאלה, ביי ספירה אז עמיצער שרייבט פאר איינעם, ער שרייבט א בריוו און ערשרייבט די טאג פון די ספירה איז דא א שאלה צו כתיבה כדיבור דמי, אויב דאס איז אזוי ווי ער זאגט וועט די ספירה אויב קען ער נאך ציילען די ספירה דעם טאג. דער תשובה ווערט געברענגט אין תשובות רע"א סימן כט, וואס זיין פעטער ר' וואלף אייגער האט דאס געשריבן צו רבי עקיבא אייגער זצ"ל, וואס אגב איז

אינטערסאנטע זאך אנצומערקן שרייבט ער דער ר׳ וואלף איז געווען ר׳ עקיבא אייגער׳ס מאמע׳ס ברודער, און דער ר׳ וואלף שרייבט דאס פאר ר׳ עקיבא אייגער בשעת ער האט חתונה געהאט און דער פעטער ר׳ וואלף האט זיך נישט געקענט זיין אויף די חתונה פונעם רבי עקיבא אייגער זצ״ל, האט ער געמאכט א סעודה פאר די גאנצע שטאט שרייבט ער דארטן אונעם בריוו אז דער עולם האט זיך דארט מיט געפריידט מ׳האט מיטגעגעסן א סעודה.

וואס פון דעם זעהט מען אז אויב קען מען נישט מיט האלטן א שמחה מקירוב מקום קען מען זיך אויכעט מאכן א שמחה.

און זאגט אים דארט דער פעטער ר׳ וואלף איז דארט ביי די סעודה נתעורר געווארן א שאלה בענין ספירה צו כתיבה כדיבור דמי, און ווי אינטערסאנט איז אז רבי עקיבא אייגער ווען ער ענטפערט אים צוריק די תשובה נאך אין די שבע ברכות און ער שרייבט צו אים אזוי מיר גייען יעצט נישט דא אריינגיין אין די גאנצע אריכות און א פלפול און די לומדות פון די זאך וואס ער שרייבט צו אים דארטן, נאר ס׳איז דא א תשובת מהרש״ג סימן ... און סימן י״ט וואס ער וויל מחלק זיין אין דעם ענין פון כתיבה כדיבור, אז ס׳ווענדט זיך אויב איז דאס א זאך וואס איז נוגע בין אדם לחבירו צ.ב. אויב איז דאס ווען איינער שרייבט צו איינעם א שבועה דעמאלט זאל דאס יא זיין כתיבה כדיבור דמי, אבער אויב איז דאס בין אדם למקום אזוי ווי למשל ספירה אדער מקרא מגילה וואס טאמער האט מען געשריבן די טאג פון די ספירה זאל דאס נישט הייסן געציילט און מ׳זאל קענען נאך אמאל מאכן א ברכה. וואס מיט דעם איז נוגע אויב ער שרייבט א בריוו און ער שרייבט ארויף דעם טאג פונעם עומר.

מ׳קען אפשר זאגן בדרך צחות, קען מען צולייגן טאקע אז ספירה ציילען איז נאר בין אדם למקום, אויב לויט וואס מ׳שמועסט דא יעצט איז דאך ספירה נתקן געווארן אויף תיקון המידות איז דאך אויכעט א ענין פון בין אדם לחבירו, און דעמאלט קען יא זיין אז דאס זאל מאכן א נפקא מינה. אבער פארשטייט זיך אז דאס איז נישט קיין הלכה ס׳איז נאר בדרך צחות.

אבער עכ״פ די טעג איז מען עוסק און תיקון המידות, דער מהר״ם שיק ווען ער ציילט דער תרי״ג מצות ציילט ער די מצות ספירת העומר פאר די 307׳סטע מצוה צווישן די תרי״ג מצוות דאס קומט ארויס פון דעם אז די מצוה פון וספרתם לכם ממחרת השבת, דא קומט אויס אז די מצוה ספירת העומר קומט אויס פונקט אינדערמיט מצוה שז. פון די תרי״ג מצוות.

זאגט דער בארנעווער רב זי״ע אין זיין ספר אורה ושמחה אז ס׳קומט אויס אז די מצוה פון ספירת העומר איז פונקט אינדערמיט פון אלע תרי״ג מצוות ווייל ס׳איז דא 306 מצוות מלפניו און ס׳איז דא 306 מצוות לאחריו ד.מ. אלע אנדערע 612 מצוות ווען ס׳איז ציטיילט אין העלף קומט אויס ספירת העומר איז פונקט אינדערמיט.

זאגט דער ... רב אז די ספירת העומר דאס איז א דבר אמצעי, דאס איז א יסוד דאס איז א פאנדעשן ס׳איז א דבר המעמיד דאס איז די כוח די ספירת המידות וואס דעם איז די יסוד פון די בריאה.

דער רמב״ן שרייבט אין פרשת אמור אז אין די טעג זאגט ער והימים האמצעים שבינתיים של פסח ושבועות אז די טעג צווישן פסח אין שבועות דאס איז חולו של מועד ס׳איז פונקט אזוי ווי חול המועד, זאגט ער אזוי אז פסח איז אזוי ווי די ערשטע טעג פון סוכות און שבועות איז אזוי ווי די צווייטע טעג ד.ה. שמיני עצרת של חג קומט אויס אז מיר שטייען יעצט אין אזעלכע טעג, וואס אזא ראשון ווי דער הייליגער רמב״ן זאגט אז מיר שטייען יעצט אין אזעלכע הייליגע טעג ווי קדושת חול המועד!

דער זוהר הק׳ זאגט אין פרשת תצוה, **מאן דנטיר הני יומי** דער וואס היט זיך אפ – ער טוט אין די ספירת העומר וואס מען דארף און די טעג און ער טוט זיך היטן ווי עס דארף צו זיין און ער טוהט וואס ער דארף **מפסח לעצרת אינו צריך לבוא למשפט דתשרי** ער וועט נישט דארפן שטיין אין די הייליגע טעג ביים יום הדין, אזא מין סגולה איז דאס.

קומט אויס אז אין די טעג אז מ'דארף זיך משלים די מידות אין די טעג אז מיר האבן א הבטחה פונעם הייליגן תולדות וואס ער שרייבט אז הוראות כל חייו של אדם תלוי בימים אלו דאס לעבן פונעם מענטש דאס איז תלוי בימים אלו דאס ווענדט זיך אין די טעג קומט אויס דאס לעבן פונעם מענטש זאגט דער תולדות ווענדט זיך אין די טעג.

די חיד"א זאגט אין זיין ספר **חומת אנך** ער ברענגט דאס פונעם רבינו אפרים, אויפן פסוק וואס שטייט ביי די משכן, ועשית חמשים לולאות זאגט דער חדי"א כשם שמחבר הלולאת די העקעלעך אל היריעות פונקט אזוי ווי מ'האט מחבר געווען די העקעלעך צו די יריעות איינס צום צווייטן כן החמשים יום די פופציג טעג פון ספירה דאס איז די חיבור פון די לולאות וואס דאס איז די פיפציג טעג וואס ס'איז מחבר אונז לאבינו שבשמים דאס איז אונז מחבר צו אונזער טאטע פון הימל און אזא הייליגע זמנים. ווי עס ווערט געברענגט אין מהרש"א במס' ר"ה אז א מנחת העומר וואס מ'האט מקריב פסח קומט מן השעורים דאס קומט פון גערשטן וואס דאס איז א מאכל בהמה אין די שתי הלחם וואס מ'האט מקריב געווען שבועות וואס דאס קומט פון חיטים וואס דאס איז א מאכל אדם זאגט דער הייליגער **מהרש"א** דאס ווייזט אונז אז מ'גיי מיר ארויס פון די ענין פון א בהמה צו ווערן א מענטש, דאס איז די ענין פון לעולם יהא אדם די ערשטע זאך איז תיקון המידות אז די ערשטע זאך איז אז מ'דארף צו זיין א מענטש!. און מ'האט געזאגט פון צדיקים און פונעם חת"ס ואנשי קודש אז מענטשליך הייליג דארף מען צו זיין.

כ'האב אמאל געהערט א ווערטל וואס מ'זאגט נאך פונעם **מקור ברוך**, אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר נח'ן כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה זאגט דארט רש"י ולא נאמר צדיק תמים אז עס שטייט נישט דארט צדיק תמים אזוי ווי דער פסוק אין פרשת נח הייבט זיך אן נח איש צדיק תמים היה בדורותיו ענטפערט רש"י מכאן שאומרים מקצת שבחו של אדם בפניו, וואס עפעס נאר א מקצת ס'איז דאך א חצי שבח ווי אזוי ס'שטייט צדיק תמים און דא שטייט נאר צדיק אז דאס דאך נאר א האלבע און ס'איז נישט נאר א מקצת, האט ער געזאגט בדרך צחות ווייל אויבן שטייט 'נח' 'איש' 'צדיק' 'תמים', 'איש' דאס איז אויכעט געווען א טיטל אז ער איז געווען נישט נאר א צדיק תמים ער איז געווען א מענטש!. איז דאס איז דער יסוד אז קודם דארף מען זיין א מענטש.

און דאס איז דער יסוד אז קודם דארף מען צו זיין א מענטש. ווי דער הייליגער **דברי חיים** האט אמאל געזאגט ביי א שידוך פאר איינעם אז קודם דארף מען צו זיין א 'מענטש' אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **את בתי נתתי לאיש!**. דער נקודה צו זיין א מענטש הייסט אז מ'איז מחשיב א צווייטן מ'איז מחשיב מ'ווייסט אז דער הייליגער רב זי"ע איז געווען גאר גרויס במידות טובות, מ'פארציילט ס'איז געווען אמאל אין די קאנטרי ס'איז אמאל א ערב שב"ק ביי איינע פון זיינע אייניקלעך וואס ס'האט אויסגעפעלט צו אפשערן, און מ'האט געזוכט ווער עס קען אים אפשערן, שבת האט ער אים געזעהן אז דאס קינד איז אפגעשוירן געווארן, האט ער אים געפרעגט ווער האט דיר אפגעשוירן? האט ער אים געענטפערט ס'איז געווען א אינגערמאן וואס ער איז געווען דארטן אין ער האט אים אפגעשוירן, האט די רב זצ"ל געזאגט אז מ'זאל זעהן צו געבן א עלי' אום שב"ק, און ער האט נאכדעם געזאגט אז כ'וויל נישט אז מ'זאל מיינען אז ער איז סתם א שערער אז ס'איז סתם א ביליגע זאך, נאר כ'וויל אים מחשיב זיין, און דאס איז געווען די נקודה און דאס איז דער יסוד פון לעולם יהא אדם ואנשי קודש.

מ'פארציילט אז דער הייליגער רב זצ"ל ער פלעגט זיך פירן יעדן שבת צוזאם נעמען די חתנים און געגאנגען צוזאמען מיט זיי אין ביהמ"ד אריין, און אמאל גייענדיג אויפן גאס מיט זיינע חתנים, און ס'איז געקומען דארט עפעס א פרעמדער חתן מיט זיינע מחותנים אקעגן דעם רב זצ"ל, האט זיך די רב ז"ל אוועקגעשטעלט אין די זייט. האבן די גבאים געזאגט, רבי, דאס איז נישט קיין היימישע חתן, מייענדיג אז די רבי מיינט אז דאס איז א היימישע חתן און ער ווארט אז ער זאל צוקומען, דאס איז א פרעמדער חתן, אבער דער רב זצ"ל איז ווייטער געבליבן שטיין, און זיי האבן אדורך געגאנגען האט די רבי זצ"ל אנגעוואונטשען 'מזל טוב און א גוט שבת' שפעטער האט די משפחה צוריק דערציילט אז דאס מזל טוב און די גוט שבת האט אין זיי אריינגעלייגט אזא מין דערהויבענקייט און ס'איז זיי

אריינגעברענגט אין זיי א מורא׳דיגע חשיבות אז זיי זענען נאך עפעס ווערד. און דאס איז אלץ געווען די נקודה פון דעם לעולם יהא אדם.

ס׳איז געווען אמאל די רב ז״ל איז געפארן אויף קור, און ער איז אנגעקומען צום לופט פעלד ס׳איז געווען דארט א גוי וואס ער האט באהאנדלט די רענצלעך האט איינער פון די גבאים אים געגעבן א טיפ, האט אים די רב ז״ל וויפיל האסטו אים געגעבן? האט ער אים געזאגט אז ער ה אט אים געגעבן 5 דאללער וואס דאס איז נאך געווען אין די ערך פון די תש״ל יאר׳ן, דאס איז שוין יארן צוריק וואס דאס איז שוין געווען א שיינע מטבע, האט די רב ז״ל געגעבן א נעם ארויס א צוואנציגער און געזאגט ניין, לאמיר זעהן אויב מיר קענען מחשיב זיין אפילו א גוי וואס ער איז א בריאה פונעם רבוש״ע.

און די ערשטע נקודה וואס ס׳איז נוגע היינט ווען מ׳גייט אויף די גאס, אמאל ווען מ׳איז געגאנגען אויפן גאס מ׳האט זיך געגרוסט איינער דעם צווייטן, היינט איז שוין אזוי געווארן מ׳האט די סעלפאונ׳ס אז מ׳איז געווארן אזוי טרוד אז מ׳זעהט נישט אפילו איינער דעם צווייטן, אפילו ווען מ׳רעדט אויף די פאון און מ׳טרעפט עמיצען רופט אז נאך אלץ די פאון ווייל דאס איז וויכטיגער ווי די מענטש!. די יסוד פון כבוד הבריות וואס מ׳דארף צו מתקן זיין אז מ׳זאל זיין בגדר פון לעולם יהא אדם.

ובפרט אז מ׳שטייט מיר אין די פרשיות וואס ס׳איז **קריאה מעורר הזמן** די פרשיות פון תזריע מצורע די פרשיות וואס מ׳רעדט די ענין פון נגעים וואס דאס גייט דאך ארויף אויף די חטא פון לשון הרע, ס׳איז דא א פלא׳דיגע מאור עינים אויף די היינט׳יגע פרשה פון ר׳ נחום טשערנאביל׳ער זי״ע זאגט ער אויפן פסוק זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו זאגט דער הייליגער **מאור עינים** אז ׳מצורע׳ איז נוטריקון ווייסט דאך א יעדער איינער אז דאס מאכט ׳מוציא רע׳ גייט ארויף אויף לשון הרע, זאגט ער דארט די חשיבות פון א נשמות ישראל ווי טייער איז א אידישע נשמה אין די אויגן פונעם אויבערשטן. דער אויבערשטער איז מקבל תענוג פון א יעדעם איינעם, ווי דער ר׳ נחום טשערנאביל׳ער שרייבט אפילו מרשע גדול, אפילו פונעם גרעסטן רשע אפילו ריקנים שבך אפילו די ליידיגע מלאים מצוות כרימון, איז דער מאור עינים דארט מוסיף אז דער וואס רעדט לשון הרע אויף א יוד נעמט ער אוועק און ער איז מבטל פונעם אויבערשטן זיין תענוג, ווייל דער אויבערשטער האט א מורא׳דיגע נחת רוח פון א יעדן יוד, און ווען דו רעדסט אויף א יוד נעמסטו אוועק דעם עונג פונעם רבוש״ע און דו ברענגט׳ס עצבות צום אויבערשטן, מיט דעם ווען דו רעדטס לשון הרע איז די עונש אז ס׳ווערט נתהפך דאס ווארט עונג צו נגע, דאס איז די זעלבע אותיות ענג נגע און דאס איז מידה כנגד מדה דעם עונג פונעם רבוש״ע.

און אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי **שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו** זעהט מען דאך פון דעם די הויעכ׳קייט פון א נשמת ישראל ווי שטארק מ׳דארף זיך זעהן צו היטן ח"ו נישט צו רעדן אויף קיין אידיש קינד, ובפרט אין די טעג וואס איז געווען מיט די תלמידים פון רבי עקיבא וואס איז געשעהן צוליב דעם וואס איז געווען שלא נהגו כבוד זה בזה. און מיר ווילען דאך טוהן די טעג אלעס אז ס׳זאל שוין זיין לעכטיג פאר אלע יודישע קינדער אז מ׳וועט זיך היטן פון לשון הרע און מ׳וועט מכבד זיין און מיט תיקון המידות. מיט דעם וועט מען זיכער ברענגען א לעכטיגקייט.

מ׳פארציילט פונעם הייליגען חת"ס, די הייליגע חתם סופר האט געזעהן אמאל ווי איינער לאנט זיך אן אויף זיין זון [דאס איז געווען מיט׳ן ר׳ שמעון סופר וואס ער איז נאך דאן געווען א קליין קינד] און דער הייליגער חתם סופר האט אים דעמאלט געזאגט טוה נישט אזוי לען זיך נישט אן אויף אים, נישט נאר ווייל ער איז מיין קינד, ווייל א יעדער יודיש קינד איז בגדר ׳הקדש׳, און וואס הייסט אז איינער לאנט זיך אן אויף א יודיש קינד? ער איז דאך מועל בהקדש!. אזוי האט דער הייליגער חת"ס.

מ'זאגט נאך פונעם בעלז'ער רב זצ"ל כ'קען נישט דערליידען אז א מענטש זאגט אז כ'קען נישט דערליידען א מענטש און כ'האב קשיות אויף אים, האט בעלז'ער רב געזאגט און וואס טוהט מען אז מ'האט א שווערע רמב"ם דעמאלט וועט מען דאך זוכן אלע מיני תירוצים אויף דער וועלט צו פארענטפערן דעם שווערן רמב"ם, נא, א שווערער יוד איז דאך נישט שווערער פון א שווערע רמב"ם נא דארף מען דאס צו פארענטפערן, אבער עכ"פ זעהט מען פון דעם די גרויסקייט וואס מיינט נשמת ישראל.

דער קאשניצ'ער מגיד ברענגט אין ספר עבודת ישראל און פ' שמיני אויפן פסוק אני ה' המעלה אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלקים זאגט ער אני השם המעלה מ'זעהט דעם מעלותן דאס גרויסקייט פון יודישע קינדער, אז דער אויבערשטער האט געמוזט אראפ קומען קיין מצרים, און פארוואס דער אויבערשטער האט נישט געשיקט קיין מלאכים ווייל דער אויבערשטער האט מורא געהאט אז די מלאכים וועלן פארזינקען ווערן אין טמאות מצרים, איז אני השם, נו, וואס איז מיט יודישע קינדער, יודישע קינדער ווי אזוי האבן זיי געקענט זיין אין מצרים איז דאך א סימן אז יודישע קינדער זענען העכער פון די מלאכים, און אויב אזוי 'אני השם להיות לכם לאלקים' דעמאלט וויל איך זיין ענקער באשעפער ווייל ענק זענען גרעסער פון די מלאכים.

וואס מ'זעה מיר פון דעם ווי ווייט מ'דארף זיך צו היטן דעם דיבור, דער רב זאל זיין געזונט האט אמאל געזאגט אין א שמועס פ' שמיני, האט ער געזאגט אויפן ענין פון דיבור אויפן פסוק זה הדבר אשר צוה השם תעשו זאגט די מדרש א ילקוט אותו יצר הרע תעבירו מלבכם נעמט'ס אוועק דעם יצר הרע האט דער רב געשמועסט וועלכער יצר הרע? האט דער רב געזאגט ס'מיינט מען זה הדבר דאס מיינט מען דעם דיבור, דעם דיבור דארף מען זיך צו היטן, און ער האט אויך צוגעלייגט לא יהא דיבורך של שבת כדיבורך של חול, און די שבע שבתות איז דאך א בחינת שבת, שבת רעדט מען דאך אנדערש ווי אינדערוואכן און שבת דארף מען זיך צו היטן דעם דיבור.

און נישט בחינם ברענגט דער מדרש אינעם היינטיגע פרשה, וואס ער ברענגט דארט מעשה ברוכל אחד שהי' מחזיר על עיירות הסמיכות לציפורי, ומכריז און ער האט אויסגערופן מאן דבעי מילי דסמי דחיי, ווער וויל קויפן א סמא דחיי, ושמע ר' ינאי ר' ינאי האט געהערט ואמר וואס איז דער **סמא דחיי, הוציא הרוכל מידיו ספר תהלים מכורך וקרא לפניו** און ער האט געליינט פאר אים, **'מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע, אמר האט ר' ינאי זאגט די מדרש כל ימי הייתי קורא המקרא הזה ולא הייתי ידוע האיך פסוק זה עד שבא הרוכל זה והודיענו.** יעדער פרעגט די וועלט פרעגט וואס איז דא ר' ינאי נתחדש געווארן פון דעם רוכל ער האט דאך פשוט איבערגעזאגט א פסוק אין תהילים. פשוט זעהט מען פון דעם אז נישט צו רעדן לשון הרע מיינט נישט אז מ'דארף צו זיין שטום, מ'מעג רעדן מ'דארף אבער מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעדן, א רוכל פעדלער רעדט אסאך ווייל גייט אהין אין ער גייט אהער, און קוק דא ווי א רוכל גייט ארום אין ער זאגט די ווערטער מי האיש החפץ חיים, און ער קען רעדן און דאך זאל זיין נצור לשונך מרע, און נאך מער דער רוכל האט נישט געהאט קיין גרינגע פרנסה און דאס איז נישט קיין בכבוד'יגע פרנסה ארומצוגיין ווי א פעדלער, און צו איך זאל יא קויפען אדער נישט קויפען, און דאך איז ער איז געווען א **אוהב ימים לראות טוב** ער האט געהאט אין זיך א שמחת החיים דער וואס האט דעם מדה פון לראות טוב זעהט מען ביי אים **נצור לשונך מרע**, און דאס איז ר' ינאי געוואר געווארן, אז אפילו ווען עס גייט אים גארנישט אזוי גוט, איז ער בגדר פון **אוהב ימים לראות טוב** און דאס איז א נקודה וואס א יעדער און האט זיין טוב שבו וואס ער זאל קענען האבן החפץ חיים וואס דאס ברענגט חיים פאר יודישע קינדער.

אונז וויס מיר פון צדיקים האבן זיך געהיטן מיטן דיבור, דער הייליגער רב זצ"ל האט אמאל געזאגט איינמאל נאך א טיש, און ער האט געזאגט כ'האב געזאגט היינט תורה ביים טיש, [באמת] האב איך געוואלט זאגן א אנדערע תורה, נאר ווען כ'האב דארט געזיצן ביים טיש, האב איך געזעהן א יוד וואס כ'האב געפיהלט אז ער גייט געטראפן ווערן פון דעם תורה, האב איך משנה געווען פון די גאנצע זאך, און ער האט אלעס משנה געווען אלעס איז געווען מיט א געפיהל.

מ׳דערציילט אין די ערשטע צייטן ווען ער איז נאך געווען אין די וועסט סייד, האט אים אמאל א יוד געקויפט א אתרוג פשוקע ער האט קיינמאל נישט אראפ געקומען מיט דעם זילבער׳נעם אתרוג פשוקע, דאס איז געווען ווייל ער האט נישט געוואלט ווי טוהן אנדערע יודען וואס זיי האבן דאס נישט און זיי קענען זיך דאס נישט ערלויבן, און די זעלבע זאך איז אויכעט אז ער האט קיינמאל נישט געטוישט די מעבל [פורניטשער׳ס] אידן קומען ארויף נישט יעדער קען זיך עס ערלויבן ער האט אלץ זיך גערעכנט אין דעם ענין פון נישט ווי טוהן א אידיש קינד.

ס׳איז געווען אמאל איינע פון די טעכטער פונעם רב זצ״ל איז אמאל מיט געגאנגען מיט׳ן רב צו א דענטיסט און ער האט אים געדארפט מאכן א רו״ט קאנא״ל וואס כידוע איז דאס גרויסע יסורים די דאקטער האט געזאגט אז ער וויל אים אנשלעפען האט די רב געבעטן ניין כ׳וויל נישט אז מ׳זאל מיר איינשלעפען, האט מען אים געזאגט אז דאס איז דאך א גרויסע צער אז מ׳וועט דיר נישט איינשלעפען. האט ער געענטפערט אז איך האב אסאך א גרעסערע עגמת נפש און צער ווען איך הער צרות ישראל און דאס טוהט מיר אסאך אסאך מער ווי.

אבער דער טאכטער האט זיך אזוי שטארק געבעטן צו אים אבער טאטע כ׳וועל דאס נישט קענען צוקוקען צו דעם צער, און איך (די טאכטער) וועל האבן דערפון אסאך צער. האט די טאטע איר געזאגט אז דו וועסט האבן צער פאר דיינס וועגן אז דו זאלסט נישט האבן קיין צער וועל איך מיר יא לאזן איינשלעפען, ווייל כ׳וויל נישט אז דו זאלסט האבן צער אזוי איז אלעס געווען געמאסטן אין געוואויגן.

מ׳פארציילט אויף ר׳ שמוע׳לע מ׳אמשינוואב׳ער זצ״ל, אגב ער איז געווען א גאר נאנטער ידיד פונעם רב זצ״ל. פארציילט מען אז ער איז אמאל געזיצען ביי א מסיבה, און א יוד האט זיך דארט אנגערופן, דער פלייש פון וועמענ׳ס שחיטה איז דאס׳?. ווי איינער זאגט כ׳וויל הערן פון וועמענ׳ס די שחיטה קומט דאס.

האט זיך רבי שמעון אנגערופן, דוד המלך האט געזאגט, אנכי תולעת ולא איש. האט רבי שמעון געזאגט כ׳וועל ווי איידער עסן א ווארים, אז כ׳וועל אנדערש עסן א ווארים ווי צו עסן א מענטש, אנכי תולעת אבער ולא איש!. מצער צו זיין א מענטש.

ענדליך צו דעם ווערט פארציילט מען אז עס איז געווען ערגעץ אין די גלילות פון מנקאטש וואס איז נישט געווען אינטערגעווארפען דעם הייליגען מנחת אלעזר, איז געווען דארט אין די געגענט אין איינע פון די דערפער איז געווען א ראש הקהל וואס ער האט זייער גע׳רודפ׳ט זיין רב פון זיין דארף, אלעמאל האט ער געוואלט ווייזן דעם מנחת אלעזר און אים ווייזען כסדר אז דער רב קען נישט אהער ער קען נישט אהין.

מאכט זיך איינמאל האט זיך געמאכט דער ראש הקהל האט געהאט א שאלה אויף אן עוף, און איז געלאפן צום רב- דער רב האט עס גע׳כשר׳ט- דערוייל האט עס אהיים געברענגט האט דער ראש הקהל געזעהן קלאר אז עס האט סמיני טריפה.

און ער האט נישט פארשטאנען ווי אזוי דער רב האט דאס גע׳כשר׳ט. איז ער געלאפן מיט דעם עוף צום מנחת אלעזר און ער איז דעמאלט געזיצן מיט׳ן בי״ד!. און ער איז אריינגעלאפן צום מנחת אלעזר און אים געוויזן דעם עוף און געזאגט קוק אן דעם עוף די רב האט דאס גע׳כשר׳ט און דאס איז נגד ההלכה. דער מנחת אלעזר האט נישט געמאכט קיין ברכה און ער האט גענומען דעם עוף און ער האט גליך אריינגענומען דעם עוף אין זיין מויל. דער יוד איז גלייך אנטלויפען פון דארט ווייל ער האט געזעהן אז דער מנחת אלעזר האלט נישט מיט אים.

אבער גלייך ווי דער יוד איז ארויסגעגאנגען פון דארט האט זיך פארשטייט זיך דער מנחת אלעזר אויסגעשפיגן דעם עוף. האט אים דארט די בי״ד געפרעגט וואס איז די פשט ס׳איז דאך טריפה פארוואס האט דאס די רב בכלל אריינגענומען אין מויל? האט די מנחת אלעזר געזאגט און א מענטשנ׳ס פלייש איז יא כשר? מצער זיין א מענטש דאס איז יא כשר? איז עכ״פ וואס מ׳זעהט פון דעם כבוד הבריות וואס מ׳דארף זיך היטן.

מ'פארציילט אויפן סאטמאר'ן רב זצ"ל, אז עס האט זיך אמאל געמאכט א שאלה אין די קריאה פונעם ספר תורה און עס האט אויסגעזעהן אז ס'טויג נישט. און דער סאטמאר'ער רב האט געשטאנען אין געקוקט און ער האט געהייסן ברענגען דעם תשובה ספר און דעם ספר און מ'האט אהין געדרייט אהער געדרייט ביז ער האט געזאגט אז מ'זאל ברענגען א נייע ספר. האבן די משמשים בק' אים געפרעגט רבי פארוואס האט די רבי געדארפט מאכן אזא עסק, מ'האט דאך גליך געזעהן אז ס'טויג נישט? האט ער געענטפערט, דו האסט נישט געזעהן ווי דער סופר פון דעם ספר שטייט דא אין ביהמ"ד און ער ווארפט זיך קאלירן, כ'האב אים נישט געוואלט מבייש זיין, האב איך מיר זיך געמאכט כאילו דאס איז נאר א חומרא בעלמא און כאילו דאס איז בכלל נישט קיין פסול, אבער באמת האב איך געוואוסט אז דאס איז פסול, כ'האב אים נאר נישט געוואלט ווי טוהן. און דאס איז אלץ געווען די נקודה ביי די צדיקים. זיי האבן כסדר אבאכט געגעבן אז זיי זאלען נישט ווי טוהן אנדערע יודישע קינדער.

מ'פארציילט אז עס איז געווען ביי הרב וואזנער זצ"ל [בעל שבט הלוי] ס'איז געווען א מעשה, אז ס'איז געבוירען געווארן ביי איינעם א קינד, און נאך אפאר חדשים איז נולד געווארן א ריח רע פונעם קינד און מ'איז ארום געלאפען צו דאקטוירים און גארנישט האט געהאלפען, און ער האט געדאווענט ביי רב ואזנער'ס זון און בית המדרש א זון, און ער האט אים געזאגט פאר צו מיין טאטע'ן און אפשר וועט ער דיר קענען עפעס העלפן ער איז דאך דער פוסק הדור, נו, ער איז אריבערגעפארן צום הרב וואזנער און עס קוקט אויס איז ער געווען זיינס א תלמיד אויכעט. און ער האט אים פארציילט אז באמת וואלט די נאמען גדארפט צו זיין נאך זיין שטוב'ס זייט, נאך די שווער'ס זייט און ער האט דאס נישט געגעבן צוליב דעם וואס ער איז א שווערע מענטש און ער איז געווען צוקריגט מיט'ן שווער. האט ער זיך אנגערופן אהא מ'קריגט זיך טויג נישט דאס איז די ריח רע, און דו מוזט אים איבערבעטן. האט דער יוד געזאגט כ'קען נישט. האט ער אים געזאגט, דו גייסט שוין אריין אין שטוב און הייב אויף א טעלעפאון אין די גייסט שוין איבערבעטן. וכך הוה זיי האבן זיך פארבעטן. און איינמאל דאס איז געשען ווען ער האט אהיים גערופען האט מען אים פארציילט אז דער ריח רע איז אוועקגעגאנגען. זעהט מען פון דעם וואס עס מיינט אפגעהיטן אויף כבוד הבריות.

ס'איז געווען אמאל א שאלה ביים נודע ביהודה זי"ע, ס'איז געווען א גאנצע מחלוקה ווי אזוי מ'דארף ארויס זאגן דעם שם א-ד-נ-י ס'איז געווען א גאנצע וויכח צו מ'דארף מער דרוקען [מדגיש זיין] דעם אות ד' אדער דעם נ', אזוי איז אנגעגאנגען א גאנצע וויכח. האט זיך די נודע ביהודה זיך אנגערופן וואס קריגט מען זיך דא ארום, דער רבש"ע האט אליינס האט געזאגט אז מיין נאמען זאל אויסגעמעקט ווערן על השלום דאס האט מען געטוהן פאר א סוטה. גייט מען אויפן אויבערשטענ'ס נאמען מאכן מחלוקת.

אונז ווייסמיר פון די תלמידי בעש"ט הק' דער תניא ברענגט דאס, כל זמן שאדם חותם את פיו אז יעדע רגע וואס א מענטש האלט זיך צוריק זיין מויל און ער רעדט נישט זוכה לאור הגנוז שאין כל מלאך יוכל לשלוט עליו אזא מין קדושה איז דא אויף אזא מענטש וואס ער רעדט נישט.

כ'האב אמאל געהערט פארציילן, אונז ווייסמיר אז רבי שמעון איז דאך געווען דער תלמיד פון רבי עקיבא, רבי עקיבא האט דאך געזאגט ואהבת לרעך כמוך ער האט געזעהן וואס דא טוהט זיך זה כלל גדול בתורה, און ווען עס איז געקומען פאר ל"ג בעומר די יומא דהלולא פון רבי שמעון זיי האבן אויפגעהערט צו שטארבן, און די וועלט פיהרט זיך צו מאכן א הדלקה, רבי שמעון איז דאך דער בעל המימרא וואס ער האט געזאגט, מוטב שיפיל אדם לכבשן האש, א מענטש זאל זיך בעסער אריינווארפען און א קאלך אויוון ואל ילבין פני חבירו ברבים און ער זאל נישט פארשעמען זיין חבר ברבים. מאכט מען א הדלקה און מ'טאנצט ארום אמר רבי עקיבא וואס ער איז געווען די רבי פון רבן שמעון.

אונז דארפען צו געדענקען טייערע יודען אז מוטב שיפיל לכבשן האש אז מ'זאל ח"ו ואל ילבין פני חבירו ברבים. נישט נאר דער נקודה אז מ'דארף זיך מחבר זיין און זיך היטן דעם דיבור, עס ווערט געברענגט די וואכעדיגע פרשה די מצורע זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו ווייסמיר אז מ'ברענגט שתי צפרים צווי פייגל'עך רש"י הק' זאגט די סיבה פארוואס ער ברענגט די צווי פייגל'עך ווייל נגעים קומען צוליב דעם וואס מ'רעדט לשון הרע, דאס איז מעשה פטופטי אז מ'פלאטשקעט און מ'האלט אין איין רעדן לפיכך הוזקוקו צפרים צוליב דעם האט מען געברענגט פייגלעך שמצפצפים בציפצוף קול ווייל זיי טוהן אויכעט אין פייגלעך האלטן אין איין קוויטשענען מיט זייער קול און דאס זאל מכפר זיין און מ'זאל וויסן אז מ'זאל נישט רעדן אזויפיל.

לכאורה האב איך אמאל געהערט צו וואס דארף מען צווי פייגלעך, איינס שחט מען און און די אנדערע איז ושילח דעם אנדערען פייגל שיקט מען אוועק אויב אזוי צו וואס דארף מען צווי פייגלעך.

נאר כ'האב געהערט נאכזאגן אז איין פייגל איז צוליב דעם וואס ער האט גערעדט לשון הרע ער האט ווי געטוהן יודען וועגן דעם האט ער געדארפט צוברענגען איין פייגל, און די צווייטע פייגל איז ווייל ער האט נישט גערעדט גוטע זאכן אויף זיין חבר אמאל א קאמפלימענט, א יישר כח, צו אז יענער האט גוט געדאווענט, צו יענער האט געטון א גוטע זאך, צו איז דאס פאר א תלמיד פאר זיין רבי'ן צו איז דאס ביי זיין טאטע אדער מאמע'ן, אז מ'זאגט א גוטווארט און מ'האט נישט גערעדט גענוג דברי טוב צוליב דעם ברענגט דעם צווייטן פייגל און דאס איז די שפעטערע אז מ'האט נישט גענוג גערעדט.

מ'פארציילט ס'איז אמאל געווען און די געגענט נעבן דעם רב ז"ל, אויף די זעלבע בלאק, דארט האט געוואוינט א משפחה וואס זיי זענען נישט געווען קיין באבוב'ער חסידים, אבער זיי האבן זיך געדרייט דא ווייל זיי זענען דאך געווען שכינים, און זיי האבן געהאט א קינד, וואס דער קינד איז געווען זייער א שוואך קינד און לכבוד דעם איז דער קינד נישט געגאנגען אין ישיבה און ער האט זיך געדרייט אין די גאס'ן, האט זיך איינמאל געמאכט אז ער האט זיך געוואלגערט אהין און אהער האט זיך איינמאל פאסירט אז ער איז אריינגעקומען אין די פאדער שטוב פונעם קוויטל שטוב פונעם רבי'ן ז"ל און ער האט זיך דארט געדרייט, און שפעט ביינאכט ווען די רב ז"ל איז ארויס פונעם קוויטל שטוב און ער איז געגאנגען פארמאכן די לעקטער כדי ארויף צו גיין אויבן צו זיין שטוב, האט ער דעמאלט בשעת'ן פארמאכן די לעקטער האט מען געהערט עפעס א גרודער האט מען געבן א מאך אויף דעם לעקטער, האט דער רב ז"ל באמענקט דעם בחור'ל ווי ער דרייט זיך נעבעך ארום אהין און צוריק, האט זיך די רב ז"ל געגעבן א רוף אן, אה, אז דו ביזט דא זעהסטו אז ס'ווערט לעכטיג. און עס ווערט לעכטיג, דער בחור האט שפעטער פארציילט אז ער איז אהיים געקומען מיט אזא מין שמחה אז ער האט געהערט פון באבוב'ער רב אזא גוט ווארט אז ער מאכט לעכטיג אזש אז ער איז געווארן איבערגעדרייט, ממש אז ער איז נהפך געווארן לאיש אחר א פנים חדשות און ער האט אנגעפאנגען צו גיין אין ישיבה. מ'ווייסט גארנישט וואס מ'טוהט אויף מיט א גוט ווארט, און מ'זעהט דאס ביי חינוך מ'זעהט דאס ביי עלטערן און מ'זעהט דאס ביי רבי'ס און ביי וועם אימער אויף יארן איז מען מהפך דעם גאנצן מענטש.

און בכלל דארף מען דן זיין לכף זכות יעדן אידיש קינד, ס'איז א באקאנטע מעשה, ס'איז א מעשה רחוקה אבער ס'איז א אמת'ע מעשה וואס ס'האט פאסירט אין ארץ ישראל אבער מ'זעהט פון דעם ווי ווייט דאס איז אפילו ס'איז א ווייטע זאך ווי ווייט מ'קען דן זיין לכף זכות אפילו ס'איז א דבר רחוק, און ס'זאל אבער זיין **יהי כבוד חבירך חביב כשלך אל תדין את חבריך עד שתגיע למקומו**, ס'איז געווען אמאל א חתונה און די רב פון די געגענט אין ארץ ישראל האט געזאגט פארן גבאי, אז כ'וויל צוגיין צו די חתונה, כ'וויל צוגיין געבן מזל טוב, און ער איז געגאנגען צו דעם חתונה און ער איז צוגעגאנגען צום מחותן און געגעבן מזל טוב און דער מחותן האט זיך אנגערופן צו די צוהערער 'קיינער האט דיר נישט גערופן', דער גבאי האט דאס געהערט איינער געט דיר מזל טוב און מ'רופט זיך אן אז 'קיינער האט דיר נישט גערופן'?, און ער רופט זיך אן כ'בין געקומען מיט'ן רב און מ'רופט זיך אזא מין זאך אז קיינער האט דיר

נישט גערופן?, ווען מ'איז ארויס געגאנגען און ער האט נישט געקענט זיך איינהאלטן וואס גייט דא פאר? רופט ער זיך אן, איך האב היינט אינדערפרי געטראפען דעם מחותן, און בשעת זיך טרעפן האב איך אים געפרעגט צו ער דארף עפעס אז מיר זאלן אים עפעס צוהעלפן צו די חתונה אדער מיט סיי וואס ס'קען זיין. האט ער מיר געזאגט יא ער האט נישט געהאט קיין סעלפאון כ'דארף זייער וויכטיג אלס מחותן אז כ'זאל האבן א סעלעפאון האב איך אים געזאגט אז כ'וועל אים געבן מיין סעלפאון, און יעצט ווען איך בין געקומען האט ער מיר געזאגט אז קיינער האט נישט גערופן, געמיינט צו זאגן דערמיט האט ער געוואלט מודיע זיין אז אויף דעם טעלעפאון האט אים קיינער נישט גערופן. אבער קיינער האט אבער נישט פארשטאנען וואס ער האט געוואלט, ס'איז טאקע א אינטערסאנטע זאך, אבער מ'קען מען ארויס נעמען א מוסר השכל און מ'קען יעדע זאך דן זיין לכף זכות.

די נקודה איז מ'שטייט אין אזעלכע הייליגע זמנים וואס מ'דארף מתקן זיין דאס פון די תלמידי רבי עקיבא, ווייסמיר דאך וואס עס שטייט ביי יוסף הצדיק (פ' ויגש) ויפל על צוארי בנימין אחיו ובנימין בכה על צווארו זאגט די גמרא אין מס' מגילה, יוסף בכה על שני מקדשות שעתידין להיות בחלקו של בנימין ועתידין להיחרב ובנימין בכה על משכן שילה שעתיד להיות בחלקו של יוסף ועתיד להיחרב.

מ'זאגט נאך בשם ר' יחזקאל מקאזמיר זי"ע, צוויי ברודער'ס זיי האבן זיך שוין אזוי לאנג נישט געזעהן וויינט מען יעצט? מ'דארף זיך דאך פרייען? נאר וואס דען האט מען יעצט געוויינט אויף די בתי המקדשות, נאר זאגט ער מ'ווייס מיר אז די בתי המקדש זענען חרוב געווארן צוליב שנאת חינם און די גאנצע מכירת יוסף איז געווען וועגן שנאת חינם, האבן זיי יעצט געוויינט ווייל זיי האבן שוין געזעהן וואס די שנאת חנם האט זיי שוין אלץ געברענגט און זיי האבן שוין געזעהן אז ס'גייט שפעטער ברענגען נאך זאכן אויכעט האט איינער שוין געוויינט פארן צווייטן אז מ'זאל וויסן אז מ'דארף אינזין האבן א צווייטן, אן ענין פון אהבת חנם און פארקערט פון שנאת חנם נאר אזוי וועט ווערן אויף געבויט דעם בית המקדש.

און דאס דארף מען יעצט טוהן אין די הייליגע זמנים, וועלן מיר יעצט מסיים זיין מיט די ווערטער פונעם הייליגען חת"ס זי"ע וואס ער ברענגט דאס אין די דרשות חלק א דף קלד טייטש דער הייליגער חת"ס אזוי מי שמחשיב את כל אחד דער וואס איז מחשיב יעדען מענטש האלט ער חשוב וטוב יותר ממנו און ער האלט אז יעדער מענטש איז מער פון אים, זאגט דער הייליגער חת"ס וואס ער איז א פוסק הדור, **הוא בטוח שלא יצאו בניו לתרבות רעה בגדלותן,** ער איז בטוח אז זיינע קינדער זיי וועלן נישט ח"ו ארויס גיין **לתרבות רעה בגדלותן,** און **ולא ימות בקטנותם** און ער וועט ח"ו נישט האבן קיין צרה קיין עגמת נפש ענדיגט ער דארט צו דאס וואס מען זאגט אין מגילת אסתר ומרדכי היהודי משנה למלך אחשורוש וגדול ליהודים ורצו לרוב אחיו זאגט ער דער חת"ס ודורש טוב לעמו אז מרדכי הצדיק אפילו ער איז געווען גדול היהודים מיט דעם אלעם איז ער געווען א דורש טוב אפילו ער איז געווען גרויס ביי די אידן האט ער אלעמאל געקוקט נאר גוטס אויף יעדען יוד אז ער איז בעסער פון מיך און ממילא האט ער זוכה געווען צו דעם ודובר שלום לכל זרעו האט ער זוכה געווען אז אלע זיינע קינדער זענען געווען בשלימות לכל זרעו.

**און די יעצטיגע מצבים און די יעצטיגע זמנים וואס יודישע קינדער דארפען אויפגעראכטן ווערן און עס זאל זיין לכל בני ישראל היה אור במשובותם ס'זאל זיין לעכטיג אין אלע יודישע שטובער און אלע צובראכענע שטובער זאל מען אויפגעראכטן ווערן ובזכות דא די עבודה המידות שיהא גדול מחבירו וינהגו כבוד זה בזה און די זכות וואס מ'וועט זיך מקבל זיין תיקון המידות וועט מען זוכה זיין צו דעם וואס עס שטייט אין פסוק הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ד' הגדול והנורא און ס'זאל שוין קענען זיין והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם, טאטע'ס און זיידע'ס און עלטער זיידע'ס זאלען זיך קענען אנטקעגן קומען און גיין צוזאמען און זיך משמח זיין צוזאמען, און די חתונות זאל קענען זיין בשלימות עד וואס מיר וועלן שוין זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א:**